STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07700

# YISROEL

Aaron Chait

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Leif D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ישראל

## פאָלק און לאַנד פון לעגענדאַרן אמת

(איינדרוקן פון אַ באַזוך)

— פון —

## אהרן חייט

מיין ליבער משפחה, אומפאַרגעסליכע עלטערן:
אברהם בן־ציון ב"ר יצחק חייט ע"ה וצבי' בת הרב
ר' אהרן אינזעלבוך־חייט, שוועסטער פריידא בת ר'
אברהם בן־ציון ע"ה חייט־אינזעלבוך; האשה חי'
דבורה בת ר' שמואל הכהן פּאָמעראַנץ ע"ה, —
מיין שטעטעלע שטופּץ און אירע קדושים, מיין אַדאָפּ־
טירטער היימשטאָט ביאַליסטאָק, מיינע 6 מיליאָן אידישע
ברידער און שוועסטער, קרבנות פון נאַצי רעזשים אין
אייראָפּע, מיין טייער פאָלק און אויפגעריכט היימלאַנד,
— מיט טרייהייט און עהרפורכט — געווידמעט.

# ISRAEL

## LAND and PEOPLE

### OF LEGENDARY TRUTH

(NOTES OF A TOUR)

by

**AARON CHAIT**

© Copyright by Aaron Chait

New York **1968**

All rights reserved
נאָכדרוק אָדער געברויך
אינגאנצען אדער אפילו טיילווייז,
אָן דער שריפטליכער ערלויבעניש פון מחבר,
שטרענג פארבאָטען

*ISSUED BY THE*
AARON CHAIT
*PUBLICATION COMM.*
1662 CARROLL STREET
Brooklyn 13, N. Y.




# ירושלים

פון אהרן חיים

(נאך א באזוך אין מדינת ישראל)

געזען האב איך דיך אין דיין פראכט, ירושלים
די אלטע „כלילת יופי" אין א „הוד והדר" נייעם;
מיט טויזענט אויגן פינקלענדיג פון הרי יהודה,
וועלט'ס שטאט, די אייביגע, „בת מלך כבודה".

כ'האב זיך פארליבט אין דיך מיין טייערע עיר הקודש,
די טורעמס און די ביתה'לאך, געהילט אין סודי־סודות,
ווען כ'בין ביי דיר געווען צווישן די עולי רגל,
געפילט דעם דו השכינה אין פלאטער פון דיין דגל.

קרתא דשופריא, קרוינשטאט פון ישראל,
ווערסט עפענען דיין טיר און טויער פאר דעם גואל,
זאלען אלע אידען האבן דעם זכות פון „ותחזינה",
פארשנעלער, גאטעניו" דעם גרויסן טאג פון „אחישנה"!

# אהרן חייט — כלל־טוער, שרייבער און ערפינדער

(צו זיין איצטיגען 35־יאָהריגען ליטעראַרישען יובילעאום)

פון דוד סאָהן

רעדאַקטאָר „ביאַליסטאָקער שטימע"

דער יחוס־צעטעל פון אונזערע אידישע קולטורעל־געזעל־שאַפטליכע און ליטעראַרישע יובילאַרען איז לעצטענס באַריי־כערט געוואָרען מיט אַ נייעם נאָמען, אהרן חייט, וועלכער פאַר־צייכענט די טעג זיין 35־יאָהריגען יובילעאום פון געדרוקטען וואָרט אויףביידע זייטען ים.

יובילאַרען זיינען שוין אייגענטליך ניט קיין פנים חדשות אויף דער אידישער גאַס. אין אונזער איצטיגען פאַל איז עס אָבער אַ מערקווירדיגער טאַלאַנט, וועלכער האָט זיך ענטפלעקט אין אַן אַלזייטיגקייט אויף אַ סך געביטען, אַ יחיד מיט די מעלות פון אַ „רבים".

***

געבאָרען אין שטויפּץ, אַ קליין־שטעטל אין ווייס־רוסלאַנד ביי אָרטאָדאָקסישע עלטערן, אַ טאַטען אַ מלמד, און אַ מאַמען, אַ צנועה און מלומדת, ערצויגען אין די איראָפּעאישע ישיבות, האָט אהרן חייט שוין אין זיין פריהסטער יוגענט דערפילט דעם דורשט נאָך וועלטליכער בילדונג, און האָנט אין האַנט מיט למודי קודש האָט ער ערוואָרבען אַלגעמיינע ידיעות, דורכגע־מאַכט גימנאַזיע, אוניווערזיטעט, שטודירט אַדוואָקאַטור און גראַדואירט פון יורידישען פאַקולטעט ביים ווילנער אוניווערזי־טעט מיט דעם טיטעל פון מאַגיסטער פון יוריספּרודענץ.

שוין אין זיינע אינגעלשע יאָהרען האָט אהרן חייט „צוגע־זינדיגט מיט דער פען" און זיך געדרוקט אין אַ צאָהל יוגענט זשורנאַלען. אין אויגוסט 1932 איז ער געוואָרען דער שטענדיגער מיטאַרבעטער פון דער אָנגעזעהענער אָרטאָדאָקסישער וואָכענ־שריפט אין ווילנע „דאָס וואָרט", און שפּעטער אין דער טעגליכער וואַרשעווער רעליגיעזער צייטונג „דאָס אידישע טאָגבלאַט". ער האָט זיך אין ביידע אָרגאַנען באַטייליגט מיט געדרוקטען וואָרט אין פּראָזע און פּאָעזיע, און האָט רעאַגירט מיט זיינע פּאָפּולערע אַרטיקלען און לידער אויף אַלע געשעהענישען פון טאָגטעגליכען אידישען לעבען אין פּוילען. אין יאָהר 1937 האָט ער באַקומען אַ ליטעראַרישע פּרעמיע אין אַ קאָנטעסט פון דער בעסטער

אידישער עסעי אין דער דזשאָינט־צייטשריפט „פאָלקס־הילף״ אין וואַרשע.

באַלד ביי זיין אָנקום אין אַמעריקע אין יאָהר 1938 האָט דער יובילאַר זיך פאַרבונדען מיט דעם „מאָרגען זשורנאַל״, וואו ער האָט אָפּגעדרוקט אַ היפּשע צאָהל לידער, אַרטיקלען און דער־ציילונגען, צווישען זיי אַ גרעסערע נאָוועלע וועגען אַ אידישען מלחמה־העלד אין גוואדאלקאנאל א. ד. ג. „דער העלד פון פּאַ־סיפיק״, וועלכע האָט אָפּגעשפּיגעלט דעם העראָישען אידישען ביישטראָג צו די נצחונות פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי אויף דעם פּאַסיפישען פראָנט אין קאַמף מיט דעם יאַפּאַנעזישען שונא.

אין משך פון עטלעכע יאָהר נאָכאַנאַנד האָט אהרן חיים אָנגעפירט אַ וועכענטליכען קאָלום איבער חזנות און אידישער מוזיק אונטער דעם נאָמען „אין דער וועלט פון חזנות״, וועלכע איז געווען זייער אַ פּאָפּולערע פיטשור אין דער צייטונג.

צו דער זעלבער צייט האָט זיך אהרן חיים אָפט געדרוקט אין „טאָג״, פאָרווערטס״, אין „ניו יאָרקער וואָכענבלאַט״, אין דעם „איד״ און אין „דאָס אידישע וואָרט״. ער האָט זיך אויך באַ־טייליגט מיט זיין וואָרט און פען אין דער ענגלישער שפּראַך אין די ניו־יאָרקער אידיש־ענגלישע צייטשריפטען: „יאַנג איז־ראַעל וויופּאָינט״, „דזשואיש לאַיף״, „דזשואיש עקזעמינער״, ווי אויך מיט העברעאישע אַרטיקלען אין דעם „קול ישראל״ זשורנאַל, וואָס איז ערשינען אין ירושלים.

אויסער זיין זשורנאַליסטישער אַרבעט, האָט אהרן חיים פאַר־פאַסט אַ טשיקאַווען ספר׳ל, „שאַרפזין״, אַ „כל בו״ פון שאלות ותשובות אויף תנ״ך, דינים און מנהגים, ימים טובים, א. א. וו. אין מאַמע־לשון, וואו דער לעזער ווערט באַקענט דורך רעטע־נישען און באַשיידען מיט די אוצרות פון אונזער תורה און טראַדיציע. דאָס מערקווירדיגע ספר׳ל האָט זיך מיט גרויס ערפאָלג פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און עס ווערט איצט צוגעגרייט אַן ענגלישע ווערסיע פון דעם זעלבען אינהאַלט.

אויסער זשורנאַליסטישער אַרבעט, האָט דער יובילאַר פאַר אַ לאַנגער צייט אָנגעפירט מיט אַ ראַדיאָ־פּראָגראַם פון זעלבסט־פאַרפאַסטע און רעזשיסירטע דראַמאַטישע סקעטשעס איבער דעם לעבען פון די אידישע מלחמה־פליכטלינגע אין די דייטשע קאָנצענטראַציע לאַגערן. דער ראַדיאָ־פּראָגראַם אין אַראַנזשירט געוואָרען דורך דער „צעירי אגודת ישראל״ באַוועגונג אויף סטאַנציע „דאַבעליו־אַי־ווי־די״ מיט אהרן חיים אַלס נאַרראַטאָר.

אין דעם געזעלשאַפטליכען אידישען לעבען, האָט זיך דער יובילאַר, אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונד צווישען די ...גע אידי־שע כלל־טוער אין אַמעריקע מיט זיין ביישטראָג צו דעם „יונייטעד דזשואיש אַפּיעל״, אַלס רעדנער אויף פאָלקס־מיטינגען, ווי אויך

מיט ליטעראַרישער, אַדמיניסטראַטיווער און פובליסיטי אַרבעט פאַר דעם טראַדיציאָנעלען אידישען חנוך, אַלס אָנגעשטעלטער און עקזעקוטיוו אין אַ צאָהל נאַציאָנאַלע ישיבות אין אַמעריקע. היינט־צו־טאָג איז ער פאַרבונדען מיט דעם ביאַליסטאָקער צענטער און מושב זקנים, אַלס געהילפס־עקזעקוטיוו צו דעם שרייבער פון די שורות און ער איז אויך שטענדיגער מיטאַרבעטער פון דער „ביאַליסטאָקער שטימע", אָפיציעלער אָרגאַן פון דער ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע.

לעצטענס האָט אהרן חייט אַרויסגערופען די אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס פון די נאַציאָנאַלע חנוך־אָרגאַניזאַציעס און פון דעם ברייטען אידישען עולם דורך זיין ערפינדונג פון דעם „ראָד פון תנ"ך", אַ שפיל פאַר יונג און אַלט, דורך וועלכער מען קען באַקענען דעם יונגען דור, ווי אויך דערוואַקסענע מענטשען מיט היסטאָרישע אידישע פיגורען און עפּיזאָדען אין דער אַמוזירענדער פאָרם פון פאַרווײַלונג און קונץ.

***

אהרן חייט האָט צוגעגרייט צום דרוק אַן אָריגינעל בוך „ישראל, דאָס פאָלק און לאַנד פון לעגענדאַרען אמת", וועלכער שילדערט אין אַן אָטעם־פאַרכאַפּענדער פאָרם זיינע איינדרוקען פון אַ באַזוך אין ישראל אויף שבועות, אין חודש סיון, התשכ"ז (מאַי־יוני, 1966). די סעריע איז געדרוקט געוואָרען העכער אַ יאָר צייט אין „טאָג־מאָרגען זשורנאַל" און נאָכגעפאָלגט געוואָרען פון ברייטען עולם מיט גרויס אינטערעס. ער האָט אויפגעזאַמעלט די אַלע קאַפּיטלען, צוגעגעבען אַ סך נייעם מאַטעריאַל, באַזונדערס פון דער לעצטער מלחמה און די נסים ונפלאות, פון דעם פאַנטאַסטישען נצחון און צוריקשטעלונג פון כותל המערבי און אַנדערע מקומות הקדושים אין אידישען רשות א. אַ. וו. און ער האָט אַ דעם שפּאַציר איבער ישראל דורכגעפלאָכטען מיט אַ צאָל אינטערעסאַנטע בילדער. אויף דעם אופן איז דאָס אידיש פאָלק און לאַנד געבראַכט געוואָרען צווישען צוויי טאָוולען אונטער דעם דאַך פון זיין ניי און געלונגען בוך.

דער מחבר פון „ישראל" אַרבעט אויך אויף אַ זאַמלונג פון פּאָעזיע און פּראָזע, לידער און דערציילונגען, רעטענישען, רעבוסען און תורה־ווערטלעך א. ד. גל. „פון כל טוב", אַ מאַטעריאַל וואָס ער האָט פאַרפאַסט און געשאַפען אין משך פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע אויף ביידע זייטען ים. אין שייכות מיט זיין 35־יאָריגען ליטעראַרישען יובילעאום, האָט ער באַשלאָסען אַרויסצוגעבען די אַלע שאַפונגען אין בוך־פאָרם.

ווי שוין דערמאָנט, מערקט זיך ביי אהרן חייט די אייגענשאַפט פון אַלזייטיגען טאַלאַנט אויף אַ צאָהל געביטען, וואָס איז אַ זעלטענהייט ביי אונזערע יונגע שרייבער און קינסטלער.

אַ צווייטער וויכטיגער מאָמענט אין זיין ליטעראַרישער אַרבעט איז די מעלה פון פילשפּראַכיגקייט. באַהערשענדיג פריי אידיש, העברעאיש און ענגליש, גרייכט ער מיט זיין געדרוקטען וואָרט צו אַ ברייטערען צאָהל לעזער און באַקענט זיי מיט זיין מעסעדזש אין אידישען לעבען.

דער יובילאַר פאַראייניגט אין שריפט און אין וואָרט די טיפקייט און ערנסט פון אינהאַלט מיט דער זאַפטיגקייט פון פאָרם. זיין סטיל איז פליסיג, זיין פעדער איז פלינק, זיין שיל־דערונג איז בילדליך און אָנציענד. עס דאַרף דערביי געזאָגט ווערען, אַז ער איז דער בעל הבית פון וואָרט און אויסדרוק און געפינט דעם פּאַסיגען שפּראַכליכען נואַנס פאַר פאַרשיידענע געדאַנקען, וועלכע ער ברענגט פאָר. יזיין אידיש איז ריין און לויטער, וואָרצעלדיג און קוועליג אָן צומיש פון זייטיגע דרויסענ־דיגע איינפלוסען.

אין זיין שרייבען מערקט זיך די היימישע סענטימענטאַ־ליטעט, די פאַרבענקטקייט פון אַ אידישען שרייבער און דיכטער, וואָס זוכט תיקון, וואָס לעכצט נאָך אַ בעסערען מאָרגען פאַר פאָלק און פאַר מענטשהייט. ער איז תמימות׳דיג־ערליך און דאָס קומט צום אויסדרוק אין זיינע שאַפונגען; ער איז אידעאַליסטיש־געשטימט און דאָס פעדימט זיך דורך אין זיין פּראָזע און דיכטונג.

פאַרהעלטניסמעסיג אַ יונגער מענטש, האָט נאָך פאַר זיך אהרן חייט אַ שיינע און ליכטיגע צוקונפט און מען קען האָפען, אַז ער וועט ווייטער דינען מיט זיין וואָרט און פען דער ברייטער עפענטליכקייט.

מיר באַגריסן אהרן חייט און מיר ווינשן אים אריכת ימים, געזונט, ווייטערדיגען ליטעראַרישען שוואונג און אַ סך הצלחה.

# וועגן אהרן הייט'ס בוך „ישראל"

אהרן הייט'ס נײַ בוך „ישראל, פאָלק און לאַנד פון לעגענדאַרען אמת" איז אַן אינטערעסאַנטע רייזע־באַשרייבונג און אַ וויכטיגער בײַטראַג צום ענין טוריסטיק און עליה אין מדינת ישראל. עס לייענט זיך מיט נײַגער און שפּאַנונג.

אין קורצע שטריכען און גוצײלטע ווערטער, אין דער מיניאַטור־פאָרם פון קליינע קאַפּיטלען, איז דעם מחבר געלונגען צו שילדערן מדינת ישראל, פאָלק און לאַנד, אין לעבען און שאַפען, פרידען און קאַמף, געראַנגעל און זיג.

די געשטאַלטען און עפּיזאָדען שטייען פריש, צאַפּלדיג פאַר די אויגען. דאָס בוך איז געשריבען מיט וואַרעמקייט און פאַטאָס, און אָטעמט מיט אהבת ישראל און חבת הארץ.

„ישראל" פון אהרן הייט דאַרף זיך געפינען אין יעדען אידיש הויז און דאַרף געלייענט ווערען פון יונג און אַלט.

ד. ל. מעקלער

רעדאַקטאָר

„טאָג־מאָרגען זשורנאַל"

# חוות דעת על ספר „ישראל" של אהרן חייט

„ישראל — ארץ ולאום של אמת לגנדרית", ספרו החדש, פרי עטו ומיטב הגיונו של בן־עירי, ר' אהרן חייט, מהווה גולת הכותרת של חבוריו, שיצאו עד עכשיו לאור עולם.

הספר מכיל סקירה על העם והמדינה מאספקלריא ונקודת מבט של תייר אמריקאי. מלא על כל גדותיו התפעלות והתלהבות מבקור בארץ, החבור מצטיין ברוח אהבת ישראל וחבת ציון, הנובע מטוריו והמרחף על דפיו.

בקצור נמרץ וצמצום נפלא בבחינת „מועט המחזיק את המרובה", ברגשי חרדת קודש ויראת שמים, ובצירוף מאמרי חז"ל, מצייר המחבר אישים ודמויות, מאורעות ועובדות, ישראל הצעיר והחדיש על ברכי ישראל סבא, החל מיהודים פשוטים עד מנהיגי האומה, כאורג מטוה מפואר על רקע של ארץ קסמים.

לעיני הקורא נתגלה ישראל החולם והלוחם, בימי מנוחה ושלוה, עבודה ומפעל כמו כן בימי מלחמה וקרב, היחיד והרבים, כולם אהובים, כולם ברורים, כולם גבורים בפיתוח והגנת הארץ והלאום.

הספר משמש עדוד וחזוק לתיירות והתישבות, עלי' והתאחזות בארץ, מהדק את הקשר בין ישראל והתפוצות, וראוי להמצא בכל בית יהודי וביד כל אחד, אשר בשם ישראל יכונה.

הנני ממליץ את הספר בשער בת רבים ולמחבר הנני אומר:

„כח לחי!"

דוב מרגולין
נשיא „הדואר" באמריקה

# פאָרוואָרט

תא אחוי לך היכא דנשקי ארעא ורקיעא אהדדי (ב"ב, ע"ד)

אַ חלום אויף דער וואָר; עס גלויבט זיך קוים.

געבענקט האָב איך נאָך דיר ,ציון המצויינת, מיט דער תמימות פון אַ קליינשטעטלדיגען חדר־אינגעל אין אַ פאַרוואָרפענעם העק פון דעם אַמאָליגען אידישליכען פוילען.

אויסגעוועבט האָב איך דיך, הייליג לאַנד מיינס, אין דער פאַנטאַזיע פון אַ פאַר'חלומ'טען ישיבה־בחור, אַלס דאָס נעסט פון דער שכינה, אָט דער מיסטישער האָריזאָנט פון רבה בר בר חנא, וואו הימעל און ערד קושען זיך צוזאַמען;

געקוויקט האָב איך זיך מיט דעם אָטעם פון דיין היימישקייט, דאָס פינטעלע איד פון דיין גייסטיגען קלימאַט אין דער גוייש־פרעמדער סביבה פון די פיינטליכע אוניווערזיטעטען;

געטראָגען האָב איך דיך, היימלאַנד מיינע, אין דער טיפעניש פון מיין האַרצען אויף מיין וואָגעל־וועג איבער יבשות און ימים, פון אַ חרוב'ער היים צו דעם פרייען האַפען פון דער „פרוי מיט דעם פלאָם" ביים טויער פון קאָלאָמבוס'עס מדינה;

געשפונען האָב איך דעם פאָדעם פון דיין צויבער אויך דאָ אין דעם אַמעריקאַנער שמעלץ קעסעל, אויך דאָ, אין רוישיגען ניו יאָרק, מיט תפילה און באַגער צו באַטרעטען דיין הייליגען באָדען און צו קושען דיין שטויב;

ביז... באַשערט איז מיר געווען די גרויסע זכיה צו דערגרייכן דיינע ברעגען און צו מאַכען „שהחיינו" איבער דיין לעגענדאַרערווירקליכקייט, צו זען דאָס גרויסע וואונדער פון דיין תחיית המתים, — און מיט דיר — אויך מיין פאָלק, אויפגעריכט אויף זיין אייגענעם באָדען, דער „נס פון די טרוקענע ביינער" באַלעבטע און דערוואַכטע פון דעם יאָמערטאָל פון פיין", אין מיין צייט און דור.

פאַרכשופט האָט מיך דיין ליכטיגע מזרח־זון פון פרייהייט און גליק, אַלס פאַרגיטיגונג פאַר דעם פינצטערן קאָשמאַר אין קלעם פון נאַצי־גרויל און אין שאָטען פון טויט.

און פאַרבלענדט בין איך געוואָרן פון דיין צעגרינטען און צעבליטען גן־עדן התחתון אויף די פעלזען און זאַמדען פון אַ פריערדיגען „מדבר שממה", באַזאַפטיגט מיט דעם טוי און חיות פון אידישען שווייס און מיה.

דערהויבען האָט מיך די קדושה פון דיין אייביגער שטאָט, השם יתברך'ס באַליבטע וואוינונג, און אויפגעמונטערט האָט מיך די גבורה פון דיינע זין און טעכטער,

יונג ישראל אין גייסט פון ישראל סבא.

מיט חרדת קודש האָב איך געפילט דעם ג־טליכען רוף צו משה רבנו: „של נעליך מעל רגליך כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא" — טו אויס דיינע שיך, ווייל דער אָרט, אויף וועלכען דו שטייסט איז הייליגער באָדען.

און באַגריפען האָב איך, אַז דאָס איז טאַקע נישט קיין געוויינליך לאַנד, נאָר די ארץ הקודש, די היים פון דער שכינה, דאָס נעסט פון „נצח ישראל", וואו יעטווידער שפאַן ערד איז מיסטיק, געשיכטע, אַ שטיק הימעל.

ווי ר' יהודה הלוי, האָב איך דיין שטויב צו מיין האַרץ געדריקט; ווי ר' אבא האָב איך דיינע שטיינער געקושט, ווייל דערזען האָב איך אין דיר לאַנד מיינס, די פלאי־פלאים פון אַלט און יונג, דעם דזשעט און דעם אייזעל, דעם פרדס און דעם פעלז, דעם אָקס און — דעם טראַקטאָר, די שער און אייזען און דעם — אַטאָמישן רעאַקטאָר; ווייל יאָר־טויזענטער באַגעגענען זיך אין דעם זעלבען שויס; ווייל ביסט אַ רעטעניש און אַ חידוש.

טל־זומער'דיג אין שמח, ביסטו אָבער, פאָלק און לאַנד מיינס, אַ ריז אין גייסט. אין פרידען, ווען מען לאָזט דיך צורו, שאַפסטו וואונדער, באַלעבסט וויסטע־נישען, „ברענגסט מזל־ברכה פאַר זיך און פאַר אַנדערע. אין קריג, ווען דו ביסט געצוואונגען אויפצוהויבען שווערד און ביקס, אין זעלבסט־פאַרטיידיגונג, געגען דיינע ווילדע און פיינטליכע שכנים פון ישמעאל'ס גזע, ביסטו אָבער אויך זעהר גרויסמוטיג. אַלס זיגער באַטסטו אָן ברויט, הילף און שלום צום באַזיגטען שונא, היילסט זיינע וואונדען, זעטיגסט זיין הונגער, שטילסט זיין דאָרשט. האָסט עס באַוויזען אין דער לעצטער מלחמה פון די היסטאָרישע, נסים'דיגע „זעקס טעג" אין אייר, ה'תשכ"ז.

באַטראַכט איך דיך, היימלאַנד מיינס, ווי אַ קמיע, ווי אַ סגולה, אַ כישוף־שפּרוך, אַ נבואה אין איר שיינער פאַרווירקליכונג, אַ חזיון אין אַ לעבעדיגען לבוש.

זינג איך אייך אַ „שיר השירים", ישראל, פאָלק און לאַנד מיינע; זאָג איך דעם „הלל הגדול", דורכגעדרונגען מיט התפעלות, און איך רוף אויס:

„אשרי עין ראתה כל אלה!" — וואויל דעם אויג, וואָס האָט דאָס אַלץ געזען.

אויב אָט דער שפּאַציר מיט דעם חשוב'ן לעזער איבער ישראל'ס ערד, מיט מיין וואָרט און שילדערונג אַלס מורה דרך, וועט אַרויסרופען אַ חשק צו פאָרען אָנקוקען ישראל, דאָס פאָלק און לאַנד פון לעגענדאַרען אמת, און טאַקע שליסליך זיך דאָרט באַזעצען, — איז שוין מיין באַצוועקטע אויפגאַבע דערפילט, —

זה חלקי מכל עמלי!

**אהרן חייט**

סיון התשכ"ו; אייר התשכ"ו

# אינהאַלט:


אהרן חײם, כלל־טוער, שרײבער און
ערפינדער׳...........דוד סאָהן...א

װעגען א.חײם׳ס בוך ישראל...ד.ל.מעקלער....ה
חות דעת על ספרו של אהרן חײם
מאת דוב מרגולין............ו
פאָרװאָרט פון מחבר...................ז

אהײם אויף שבועות....................1
אויף מאַמע ציון׳ס ערד..................2
אויפן װעג צו ירושלים..................3
קבלת התורה אין ירושלים................4
דער פארמער סאלדאט ראש ישיבה
פון די הרי יהודה......................6
די טשיקאַװע געשיכטע פון "מאה שערים"........7
דער "מיליאָנער" פון "מאה שערים"..........9
קריעה אויף חורבן בית המקדש.............11
ירושלים׳ער װיצע־מעיאָר.................13
מײן לאנדסמאן־ דער ישראל פרעזידענט........14
תל אביב־ ישראל׳ס "קלײן ניו יאָרק"...........15
"בני ברק"־ישראל׳ס תורה־אימפעריע...........18
פון שאָסעי אספאלט צום שרײב־טיש
אלס װיצע־מעיאָר........................19
"יד לבנים"־א נאציאָנאלער מעמאָריאל מוזײ...21
די גענונקענע שיף אין חיפה׳ער פאָרט.......23
"קרית נוער" אין ירושלים.................25
ישראל׳ס בת־קול אין דער לופט.............28
דאָס הײליגע שנײדערל פון בת־ים............28
די אריסטאָקראטישע פארמערס..............30
א הײם און פאמיליע אין ישראל.............30
די ישראלים אין גאס און הויז...............31
קלױניקעס בײ דער ארבעט..................31
דאָס װאונדער פון קיבוץ "חפץ חײם"..........34
די אויטאָמאטישע שבת׳דיגע מילך־צאפערס.....36
סאָלדאטען בײ דער גמרא...................37
קיבוץ פון "אחדות העבודה" אין עמק יזרעאל...40
דער מאראָקאנער טעקסי־טרײבער.............42
מיט מײנע שטוּפּצער לאנדסלײט................43
מײן טאטנ׳ס ניגון.........................45
חנה די "פקידה"..........................46
ישראל־אדװאָקאט א ישיבה׳שער עלוי..........47
אליהו הנביא׳ס הײל.......................49
דאָס הויז אויף בײדע זײטען גרענעץ..........50

די מקוה פון אר"י הקדוש אין צפת.......... 51
בײַם קבר פון ר׳שמעון בן יוחאי........... 53
א שחים אין ירדן................... 54
אויף די זאמדען פון נגב................ 55
דער אראבער אין א ישראל־מונדיר.......... 57
דער קבר פון ר׳פנחס בן יאיר............ 58
בײַאליסטאָקער אין ישראל.................. 59
בײַם בײַאליסטאָקער חײַצע־מעיאָר פון תל אביב.. 59
דער בײַאליסטאָקער קבלת פנים............ 60
א בײַאליסטאָקער טרונק־װאסער אין באר שבע... 61
מיט פרץ בוקשטעלסקי אין גליל............. 62
ר׳שלמה פארהערער ־טיפ פון ישוב הישן...... 64
דער תימנ׳ער סופר פון טבריא............. 65
דאָס טעפּעלע קאַװע פון דרוזינישען מוכטאר... 66
"תחנה המרכזית"־שליסל צו ישראל׳ס פארקער.. 67

## ישראל אין קאמף

די נסים ונפלאות פון די 6 טעג........... 69
א מאמע אין ישראל.................... 70
א חתונה בײַם כותל המערבי.............. 71
בײַ דער מערת המכפלה................... 76
פון "ארצנו הקטנטנה" צו גרויס־ישראל....... 77
דער אגרעסאָר אין...תפילין............... 78
די בלויז־װײַס פאָן אויף מוטער רחל׳ס קבר... 79
מדבר סיני.......................... 80
דאָס פארװאונדעטע אראבישע מײדעלע......... 81
דער נאסער קבר פון "אילת"............... 82
דער לולב פון "על־עריש"................ 83

=

שלום־װאָרט......................... 84
"שער הכבוד"........................ 86
"שער הכבוד" (צוגאָב־רשימה)............... 94
מעצענאטען.......................... 95
דאנק און אנערקענונג................... 96
קרעדיט־ליינס פאר בילדער............... 97
ביז־אצטיגע אויסגאבען פון מחבר.......... 98
באמערקטע דרוק־ פעלערן.................. 99

# אהיים אויף שבועות

ניו יארק איז שוין געווען איינגעהילט אין דעם געשמאקען דרימעל פון נאך חצות, ווען א גרופע פארבענקטע טוריסטען האט זיך אהויב געטאן אויף די פליגלען פון דעם גיגאנטישען שטאלענעם פויגעל, דעם „אל־על" דזשעט, אין די הויכע הימלען, אויפן וועג צו מדינת ישראל.

אונזער גרופע איז באשטאנען פון א פארבען־רייכען עלעמענט אידען: חברה יונגווארג, טאטע־מאמע'ס נאכגעגעבענע קינדער פון היימען, איבערפליסיג מיט ווארעמקייט און וואויל־טאג, ענטשלאסען אויפצוגעבען א לייכט לעבען פון צופיעשטשעטער מפונק'דיגקייט, און זיך ארייננווארפען אין יאך פון שווערער פראצע אין א ישראל־קיבוץ;

עלטערע אידען, מיט פנימער צעקארבטע פון קנייטשען און ארומגעזוימטע פון בערד און פיאות, וואס ווילען זוכה זיין צו זעהן דאס לאנד פון די אבות, „כל זמן די נשמה האלט זיך נאך" אין דעם דארען בינטעל ביינער, און דאן רואיג צומאכען די אויגען, קומען צו קבר ישראל אין דעם הייליגען לאנד, אן גלגול מחילות; אידענעס מיט שייטלען אדער טיכלאך, טיף־אראפגערוקטע איבער די צניעות'דיגע קעפ; מיט פארמעטענע געזיכטער און אויגען, דורכגעווייקטע אין טייטש־חומש, קרבן מנחה, אדער „מענה לשון"; זיי פארען זיך זעהן מיט קינדער און אייניקלאך און אויך אנזעטיקען דעם שמארען בליק מיט דעם לאנד, וואו עס איז געשטאנען די וויגעלע פון די אמהות, אנקוקען כל זמן די אויגען זיינען נאך אפען.

גרויס אויפזעהן צווישען עולם רופט ארויס די געגענווארט פון א יונגען, פאפולערען און באליבטען אמעריקאנער רב, גדול בתורה און גלענצענדען אראטאר, עקס־פרעזידענט פון „איגוד הרבנים" און מיין חשוב'ען פריינט, הרב רפאל פעלקאוויץ, מרא דאתרא פון דער באקאנטער „וויסער שוהל" אין פאר ראקאוועי, נ. י., און זיין ווירדיגער רביצין, וועלכע פארען פאר זייער וואקאציע אין מדינת ישראל.

דער עולם שעפטשעט די תפילת־הדרך, ווען דער עראפלאן רייסט זיך אפ פון הארטען אספאלט און צעוויגט זיך אין די וואלקענס, ווי א גענייטער שווימער אין אן אויבער־ערדישען ים.

דאס הארץ ציטערט פון שרעק און פלאטערט מיט האפענונג; עפעס א שפילכעלע, צענדליגער טויזענטער פוס אין דער הויך, צווישען הימעל און ערד; אבער, עפעס א קליינגיקייט, אויפן וועג צו מדינת ישראל. א געמישט געפיהל.

„בידך אפקיד רוחי" — אין דיין האנט פארטרוי איך מיין גייסט, באשליסען אלע. דער רבונו של עולם פירט דאך אונז אהיים; וועט דאך דער גרויסער זכות אונז ביישטעהן.

„אהיים אויף שבועות" — באמערקט א פיטסבורגער איד — „קבלת התורה אין ארץ ישראל", רעדט ער און פאסמאקעוועט זיך פון התפעלות.

„מיר זיינען דאך ווי די אמאליגע עולי־רגל, וואס פלעגען זיך פון אומעטום ציען אויף יום־טוב קיין ירושלים" — כאפט אונטער א צווייטער איד, וועלכער קומט דא אזש פון ווייטען סיאטעל.

„אמת מאקע" — גיט צו א יונג בחור'ל — וואס וויל דערביי אגב אויך וויזען זיין באהאווענטקייט אין אידישער געשיכטע — אבער אמאליגע עולי־רגל פלעגען דאך פארען אויף אייזעלאך און מיטפירען בכורים, און מיר . . ."

„מיר פליען מיט א דזשעט, איז עס דאך נאך א גרעסערע רבותא" — מישט זיך אריין, תוך כדי דבור, א משכיל'ישער יונגערמאנטשיק — „מיר האבען קפיצת הדרך. איך זאג מאקע שטענדיג, אז די וויסענשאפט, די נייעסען, די אויפטוען פון אונזער יארהונדערט, זיינען דערגרייכט געווארען, כדי א איד זאל קענען דינען דעם אויבערשטען בעסער, לייכטער, באקוועמער; כדי קענען צוקומען שנעלער קיין ארץ ישראל און ירושלים עיר הקודש".

מיר פליען דער זון אנטקעגען. דורך די וואלקענס רייסט זיך דורך דאס ליכט פון

באַגינען, וואָס געהט אויף פון מזרח, פון אונזער היימלאַנד, און קומט אונז דא באַגעגענען אויפן וועג אהיים. „יראוך עם שמש מבקשי פניך״.

דאס איז דער נץ החמה, און מיר באַשליסען צו דאווענען מיטן „נץ״ כמנהג ארץ ישראל. זיינען מיר דאך אויף אַ ישראל־עראָפּלאַן, די אַטמאָספערע איז אזוי היימיש; פארוואָס זיך ניט פירען, ווי מען טוט דאָרט?

פארען מיר דאך אלע אהיין, פאַרוואָס זיך ניט פירען, ווי מען טוט דארט?

אומר ועושה; מיר לייגען טלית און תפילין, פארמירען א מנין און דאווענען שחרית אין א ווינקעל פון עראָפּלאַן. עפּעס דאַווענט זיך דאס מאָל מיט אזוי פיל כוונה. עפּעס זאָגט זיך די תפילה פון „המאיר לארץ״ מיט אזוי פיל באַדייט, און מיר בעטען אויף א „ניי ליכט״ איבער ציון, וואָס „מיר אלע זאָלען דערצו זוכה זיין״ מיט א גאַר באַזונדערער באַטאָנונג. אזוי אַנדערש, ווי ביי אונזערע געיאָגטע מנינים און אריינגעכאַפּטע תפילות אין די היימען אין אַמעריקע.

דאס געבעט פון אַן עדה אידען איבער א רוישיגען ים, צווישען הימעל און ערד, ווערט אויפגעכאַפּט דורך די גליהענדיגע פליטערלאַך פון א מוטערליך־וואַרעמער אויפגייענדער זון און זי שמידט פון זיי קרוינען פאַר דעם כסא הכבוד.

## אויף מאַמע ציון׳ס ערד

שוועבט אזוי אונזער עראָפּלאַן אין די הימלען און צוזאַמען מיט אים שלאָגען אונזערע הערצער מיט האַסטיקען אימפּעט. לויפען שעה׳ן נאָך שעה׳ן, און אלץ מער ווערט איינגעשרומפּען די שטרעקע צווישען אונז און דעם לאַנד פון אונזער בענקשאַפט און באַגעהר.

מיר שטייגען אַרונטער אין פּאַריז, פאַרהאַלטען זיך אַרום א שעה אויפן לופט־פּלאַץ, און אין דער צייט ווערט דער עראָפּלאַן ווידער באַזאָרגט מיט ברען־שטאָף פאַר דעם ווייטערדיגען וועג.

און אָט זיינען מיר שוין נאָכאַמאָל אין שויס פון בלייענעם פויגעל, וואָס שניידט שטחים און ברענגט אונז נאָענטער צו אונזער ציל.

פונדערווייטענס דערזעען מיר א געלען שטרייף, אַן אַנזאָג אויף יבשה נאָך דער לאַנגווייליגער מאָנאָטאָניע פון הימעל און וואַסער.

„דאס איז דער סילועט פון תל אביב״ — באַמערקט א געניטער טוריסט, וואָס קען שוין דעם וועג מיט אלע זיינע סימנים.

עס גיט אונז אַלעמען א פריידיגער צופּ ביים האַרצען. ענדליך דערגרייכט. אָט פליען מיר איבער דער יונגער, לעבענסלוסטיגער, צאַפּלדיגער שטאָט, די „קליין ניו יאָרק״ פון דער אידישער מדינה, און הינטער איר, דער לופט־פּאָרט: לוד.

אונזער עראָפּלאַן לאָזט זיך פאַרזיכטיג אַראָפּ און גאַלאָפּירט איבער דעם לופט־שאָסעי פון אונזער היימלאַנד.

פון אַלעמענס ברוסטען רייסט זיך אַרויס די ברכה פון „שהחיינו״. אַדאַנק דעם באַשעפער, געקומען בשלום, און א געפיהל פון פאַמיליען־היימישקייט באַהערשט אונז: אונזער פאָלק, אונזער לאַנד; אייגענע צווישען אייגענע.

עס ווילט זיך קושען יעדע זאַמדעלע, יעדען גראָז. אידיש האָב און גוטס; די ברכה פון אידישע הענט מיט מאַזאַליעס, און מען פילט זיך שטאָלץ פון דעם ערשטען באַריר מיט אידישען באָדען און מיט מלכות ישראל: אַלץ אונזערס, א לופט־פּאָרט, אַנגעשטעלטע, וויזעס. אפילו די רעוויזיע ביי דעם צאָל־אַמט איז ליב און טייער, באַטש עס פאַרשאַפט אַביסעל איבערדריסיגקייט פון ביוראָקראַטיע, אייגענס איז דאָך ליב.

מיר מאַכען דורך די נויטיגע פאָרמאַליטעטען און גייען אַרויס צום וואַרט־צימער, וואו עס שטייען שוין פאַרזאַמעלט פאַמיליע, חברים, שכנים, לאַנדסלייט און פריינט, אויסגעהונגערט צו זעהן דעם טוריסט, וועלכער איז אויך איינער פון די ציטערדיגע בני־יחידים פון א פאַרמיליגטער שטאָט, פון די לעבענס־געבליבענע נסים־אידען; אין דעם פאַל, א באַצייטענסדיגע רעטונג קיין אַמעריקע טאַקע ממש אויפן שוועל פון גרויסען אומגליק. רירענדע סצענעס פון אָפּגעפונענע גלידער פון אַן אויסגעשאָכטענער עדה אידען, פון רעשטלאַך פאַרבליבענע אין די וועלדער, אין די געטאָס, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

אין ווייט, רוסלאנד, שפילען זיך דא אפ אויף מאמע ציון'ס ערד. אפגעריסענע יריעות שטעלען צוזאמען די מגילה פון בלוט און פייער, געצייכענט מיט מענטשליך מארך אין ביין נאך 30 יאר פון א באנגען צושייד.

אונזער ריכטונג פירט קיין ירושלים; אויף שבועות אין דער הייליגער שטאט.

# אויפן וועג צו ירושלים

שלענגעלט זיך א שאסעי אונטער דער חופה פון שאטענדיגע בוימער אין דעם טונקעל פון ארץ ישראל'דיגען קילען אווענט, באלויכטען פון א שיינער, פולער לבנה. אונזער באגלייטער דערציילען אונז, אז דאס איז דער „כביש הגבורה”, דער שליאך פון העלדענטום, וואס איז געפלאסטערט מיט דעם געביין פון יונגע אידישע קרבנות און דורכגעטריפט מיט זייער הייליג בלוט אין פארטיידיגונג פון פאלק און לאנד אין די היסטארישע טעג פון מלחמת השחרור, דעם קאמף פאר פרייהייט און אומאפהענגיגקייט אין יאר 1948.



דער וועג צו ירושלים.

פון ביידע זייטען שאסעי ציען זיך הויכע בערג, און טאקע פון זייערע שפיצען פלעגען באהאלטענע אראבער ארונטערשיסען אויף די אידישע זעלנער, אויף דער יוגענט פון די קיבוצים, אויף די העלדישע פארטיידיגער, וואס זיינען אונטען אויפן וועג ארייננעכאפט געווארען אין א פאסטקע. אין שיין פון דער צעהעלטער לבנה, ווייזט מען אונז אן אויף ברוכשטיקער פון פרימיטיווע קאנאנען, מיט וועלכע אונזער יוגענט האט זיך באנוצט אין יענער צייט; זיי ליגען דא אלס אומפארגעסליכע דענקמעלער פון פארצווייפעלטען מוט און אומבאגרענעצטער מסירת־נפש, וואס האט געפירט צום נצחון פון די הייפעלאך אידען איבער דעם פיינטליכען המון־רב.

מיר פארען אויך פארביי „אשתעל", אט יענעם ביבלישען פלאץ אויפן וועג צו ירושלים, וואו שמשון הגבור, דער בחור מיט די געקרייזעלטע לאקען, דער ריטער פון א גרויס פאלק, האט שפאצירט און אנגעווארפען א פחד אויף די פלשתים ארום; אט דאס ארט, וואו אין זיין יונג הארץ האט אנגעהויבען שלאגען דער פולס פון רוח־הקודש.

מען ווייזט אונז אויך אן אויפן „עמק אילון", יענער היסטארישער טאל, וואו יהושע בן־נון האט אפגעשטעלט די זון, פארהאלטען די לבנה, כדי דאס ליכט פון טאג זאל אים העלפען באקעמפען דעם שונא ביי דעם אלטערטימליכען כיבוש הארץ. די זון האט געפאלגט, און דער נס האט פאסירט.

אמאל און איצט, אלט און ניי; בלעטער געשיכטע פון פארצייטענס מישען זיך אויס מיט העראישע קאפיטלען פון היינט. מיר פילען, אז מיר שיילען זיך ארויס פון גלות, פון הכנעה און פאניק, און מיר, די טוריסטען, ווערען איינס און דאס זעלבע מיט די זין און טעכטער פון אויפגעריכטען הימלאנד. אין ווירדע, אין שטאלץ, אין מסירת נפש.

דא, אויף מאמע ציון'ס ערד, וואו יעדער שפאן איז דורכגעווייקט מיט בלוט און אויסגעלייזט מיט טייערע לעבענס.

יא, א גרויס, אייביק, העלדיש פאלק אין א הייליג לאנד.

## קבלת התורה אין ירושלים

דוד המלך'ס קרוין־שטאט, מיט אירע טורעמס און „כיפה'לאך", איז שוין איינגעוויגט געווארען צום שלאף דורך דעם קילען ווינטעל פון דער ארץ ישראל'דיגער נאכט, ווען מיר זיינען אריינגעקומען אין די שמאלע גאסען פון דער עיר הקודש. געלעגען איז ירושלים אין שויס פון אייביגקייט און איבער אט דער קרתא דשופריא האבען געטריי געוואכט די הרי יהודה, די ששת ימי בראשית'דיגע שומרים, וואס די השגחה האט דא איינגעשטעלט.



א בליק אויף ירושלים.

ניט אומזיסט האָט דער פּאַסטעך פון בית לחם, גרונדפעסטיגער פון מלכות און אור־שטאַם־פאַטער פון מלך המשיח, דער נעים זמירות ישראל, אויסדערוויילט אָט די שטאָט פאַר זיין קעניגליכער רעזידענץ און פאַר דער ג־טליכער בית הבחירה.

ירא־שלם; ציט דאָך ירושלים איר יחוס־קייט אזש פון מלכיצדק, שם בן נח, דער קעניג פון דער פּאַרכטיגער און פרידליכער שטאָט אין סאמע באַגינען פון אידישען שטאם, ווען ער איז פון דאַרט ארויס באגעגענען אברהם אבינו מיט ברויט און וויין.

די שטאָט פון מיסטישער פּאַרכטיגקייט; די שטאָט פון לייטזעליגען פרידען; דעם אויבערשטען׳ס אויסדערוויילטע וואוינונג און נעסט פאַר השראת השכינה.

מיינע גאסטגעבערס זיינען געווען דאָס רבניש פּאָר־פּאָלק, רחל און איר מאַן ר׳ ארי׳ לייב בינה, ראש ישיבה און מנהל פון דער „ישיבה נתיב מאיר״ אויפן נאָמען פון גרויסען תלמיד חכם און מזרחי־פירער, מרן ר׳ מאיר ברלין זצ״ל אין דער ירושלים׳ער פאָרשטאָט „בית וגן״.

דאַוונען, לערנען און פראַווען תיקון שבועות האָב איך מאַקע אויך באשטימט אין דער זעלבער ישיבה, וואָס ווערט אָנגעפירט פון מיינע גאסט־געבערס.

„ישיבת נתיב מאיר״ — איז טאַקע אן אויסטערלישע, נייע ערשיינונג, פּונקט ווי טשיקאַווע און מערקווירדיג עס איז איר מנהל. דאָס איז א חלוצישער תורה־אנשטאלט, געגרינדעט פון אַ היימישען עלוי, א חלוצישען ראש הישיבה, וואָס איז אין די אינגערע יאָרען פון א פאַרם אויף דעם ישראל־באָדען צוגעקומען צו דער מדרגה פון דעם הויפּט מגיד שיעור פאַר אן עולם פון 150 תלמידים, אָן עין־הרע. דאָס איז א קאָמבינאַציע פון א מיטעל־שולע מיט א ברייטען פּראָגראַם פון למודי קודש, וואו דאס בחור׳ל באַקומט א דאָפּעלטע אויסבילדונג אין אלגעמיינעם וויסען און אין יהדות און תלמוד אונטער דער אויפזיכט פון „חנוך ממלכתי דתי״, מיט די פולע רעכט פון אן אנערקענטער האַי־סקול; „יפיפותו של יפת באהלי שם״.

די ערב־יום־טוב׳דיגע ירושלים האָט זיך פייערליך געגרייט צו קבלת התורה. אין דער קנאַישער געגענט פון „מאה שערים״, ווי אויך אויף די אריסטאָקראַטישע גאַסען פון שטאָט האָט געשוויבעלט און געגריבעלט מיט אידען, וואָס האָבען זיך געפּאַרעט ביים אריינברענגען דעם יום־טוב. באצירט מיט גרינס און בלומען, אויסגעדופטיגט מיט דעם פרישען ריח פון צייטיגער נאַטור און געלייטערט מיט די אלע זיבען חנ׳ען פון ישראל׳ס עיר־הבירה, איז ירושלים געגאַנגען אין שוהל אריין צו מתן־תורה.

די „ישיבה נתיב מאיר״, וואו איך האָב געדאַווענט, איז געווען איבערפולט מיט די טונקעל־הויטיגע ספרדים פון די אָריענטאַלישע געמיינדעס; בחורים פון אמעריקע ווי יונגוואַרג. צווישען דעם פילפאַרביגען עולם האָבען זיך געמערקט די היימישע „סאַבראַס״; אויך פון א צאָל אייראָפּעאישע לענדער — אן אמת׳ער קיבוץ־גליות אונטער איין דאַך.

נאָך מעריב האָט חברה יונגוואַרג פאַרהילכט די באַרגיגע געגענט פון „בית וגן״ מיט זייערע ניגונים און ריקודים. ראשי ישיבה און תלמידים האָבען פאַרפלאָכטען האַנט אויף אַקסעל און זיך געלאָזט אין א מצוה־טענצעל לכבוד המקום און לכבוד התורה.

„ווייל פון ציון ארויסגיין וועט תורה און ג־ט׳ס וואָרט פון ירשלים״.

מען איז געווען וואָך א גאַנצע נאַכט, געלערנט מיט גרויס התמדה, אויסגעהערט א שיעור אין מסכתא בכורים פון דעם הויפּט ראש הישיבה, הרב בינה, וועגען די מצוות התלויות בארץ; און אויסגעצוואָגענע אין די מקואות, האָט מען זיך געשטעלט דאַוונען שחרית פונקט מיט דעם נץ־החמה.

צו נעילת החג אין דעם ירושלימער בין השמשות, האָב איך פאַר דעם גאַנצען עולם אין א פליסיגען העברעאיש און הברה ספרדית געזאָגט א דבר תורה און זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם מאמר „בתורתו של ר׳ מאיר כתוב: ויעש ד׳ א־לקים לאדם ולאשתו כתנות א ו ר וילבישם״, מיט אן „א״, א לבוש פון ליכטיגקייט, מיינענדיג ר׳ מאיר ברלין זצ״ל און די ישיבה אויף זיין נאָמען.

נאָך מעריב האָט דער גאַנצער עולם געמאַכט הבדלה. איך, אלס טוריסט און גלות איד, בין אבער געווען מחוייב אָפּצוהיטען דעם יום טוב שני של גליות, אויב עס קען דערוויל

ניט קומען אין באטראכט דאס באלדיגע באזעצען זיך אין לאנד. האָט זיך, אלזא מיין גלות וויטער געצויגען אין ארץ ישראל גופא; א פאראדאקסאלע איראָניע . . .

האָט זיך מיר גראד דאן אזוי געוואלט זיין א ארץ־ישראל איד.

איך האָב זיך פארטראכט: דאָ איז יום־טוב מיט א טאָג ווייניגער, אָבער מיט א גאנץ יאָר מעהר; כולו קודש; ביי אונז, דאָרט אין גלות, איז יום־טוב מיט א טאָג מעהר, אָבער מיט א גאנץ יאָר ווייניגער, ווייל אויך דער קודש איז כולו חול, און פון מיין פארבענקטער נשמה האָט זיך ארויסגעריסען א תפילה:

**לשנה הבאה בירושלים הבנויה, אויף אן אמת, אויף שמענדיג; הלוואי, גאָטעניו; הלוואי!**

## דער פאַרמער, סאָלדאַט און ראש־ישיבה פון די הרי יהודה

„בית וגן" איז אַ באַרגיגע פאָרשטאָט פון ירושלים, מיט הייזער און גערטנער, אויפגעטורעמטע אויף די פעלזיגע רוקענס פון די הרי יהודה. אויף דעם שפיץ פון אָט די הויכע ריזען־בערג געפינט זיך די אָריגינעלע ישיבה האַי־סקול פון דער „בני עקיבא"־באַוועגונג ביי דעם מזרחי־הפועל המזרחי, באַקאַנט אַלס „נתיב מאיר". זי טראָגט דעם נאָמען פון ר' מאיר ברלין, ע"ה, דעם פאַרדינסטפולן גאָטזעליגן פירער פון נאַציאָנאַל־רעליגיעזן אידענטום אין אונזער הייליג לאַנד.

ווי אייגענאַרטיג די ישיבה איז, אַלס קאָמבינאַציע פון למודי קודש און למודי חול, אַזוי איז אויך זעהר מערקווירדיג די פערזענליכקייט פון איר גרינדער און מנהל, הרב ארי' לייב בינה.



הרב ארי' לייב און רביצין רחל בינה.

הרב בינה איז אַ חלוצ'ישער ראש ישיבה, וועלכער האָט דורכגעמאַכט אַן אויסטער־לישען לעבענס־וועג. געקומען אין ער אַהער פון דעם שטענדער און גמרא פון דער מירער ישיבה אין פאַרוואָרפענעם ווייסרוסישען קליינשטעטעל אויף דער פויליש־רוסישער גרעניץ, וואו ער האָט גע'שמ'ט אַלס חריף און בקי און זיך גערעכענט צווישען די עילויים.

דער דראַנג נאָך ארץ ישראל האָט געטריבען דעם יונגען בחור פון דעם היימישען וואוילטאָג פון זיין באַלעבאַטישער היים און משפחה אין סלאָנים אין דער וויסטעניש פון הייליגען לאַנד, וואו מען האָט זיך מיט ציין און נעגעל געדאַרפט איינבייסען אין דעם פאַר'עקשנ'טען און פאַרלאָזטען באָדען צו באַקומען אַ טראָפען וואַסער אָדער אַ קערענדל און אַ פרי.

דער היימישער „מפונק", ר' אהרע'לע סלאָנימער'ס וואויל־לערנער, האָט פאַרקאַטשעט די אַרבעל און מיט הענט און מאָזאָליעס זיך אַריינגעבויערט אין מאַמע־ציונ'ס ערד, און די מאַמע האָט באַצאָלט איר איבערגעגעבענעם זון מיט אַ שפע פון תבואה און פרוכט פאַר דעם פרייז פון אידעאַליזם, פיאָנערישקייט, מיה און שוייס.

דער זעלבער ארי' לייב האָט אויך ביינאַכט גישט גערוט און מיט'ן ביקס אויף די אַקסלען געגאַנגען אויף שמירה צו באַוואַכען דאָס היימלאַנד פון אַן אַראַבישע אָנפאַל. ער האָט אויך אָנטייל גענומען אין דער באַפרייאונגס־מלחמה ערב דעם אויפקום פון דער אידישער מדינה.

אין דער צייט פון דער אומלעגאַלער עליה, באַזונדערס נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה, האָט זיך אריי׳ לייב אַנגעשלאָסען אין דער אידישער בריגאַדע און אַוועק אין דייטשלאַנד צו העלפען אָרגאַניזירען די באַוואוסטע „בריחה״, די שמוגעל־טראַנספּאָרטען פון דער שארית הפליטה, וועלכע האָט זיך פון אַלע עקען אייראָפּע געצויגען צו דעם אידישען היימלאַנד. ער האָט איינגעשטעלט דאָס לעבען אין קאָן און איז טאַקע גענומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט אין דייטשלאַנד.

ווען ער איז באַפרייט געוואָרען פון תפיסה און איז אַוועק אין ענגלאַנד, האָט מען זיך גלייך דערקענט אויף זיין בקיאות און חריפות, און מען האָט אים אָנגעבאָטען די שטעלע פון אַ פירער און ראש ישיבה אין אַ באַרימטער ישיבה. ער האָט זיך אָבער אַנטזאָגט, ווייל זיין היימלאַנד ישראל, רופט אים צוריק זיך צו שטעלען אין דינסט פון פאָלק און אויף דער וואַך פון ציון.

דורך אָט די שווערע דערנער־וועגען פון אַ פאַרמער און סאָלדאַט, פון אַ פירער פון אַ שמוגעל־באַוועגונג, פון אַן אַרעסטאַנט פאַר „מענטשליכען קאָנטראַבאַנד״, האָט זיך ר׳ אריי׳ לייב בינה ענדליך דערשטאַפּעלט צו דער קרוין־דערגרייכונג פון זיין לעבען, צו גרינדען און צו ווערען דער מנהל פון אַ מקום תורה, וואו בחורים פון פרומע, ווי אויך פון פרייע היימען, פון איבער דער מדינה, ווי אויך פון אויסלאַנד זאָלען קענען אויסוואַקסען אַלס לומדים מופלגים און אויך אַלס עקספּערטן אין פאַרשיידענע געביטן פון וויסענשאַפט און טעכניק.

דער רב און מנהל רעדט וועגען דער ישיבה מיט גרויס באַגייסטערונג, אַלס דער הייליגער אַנשטאַלט, וואָס פלאַסטערט אַ וועג פאַר משיח צדקנו. „זאָלסט זיי נישט רופען: „דיינע קינדער״, נאָר „דיינע בויער״, ציטירט הרב בינה דעם באַוואוסטען מאמר, און איך האָב בחוש געפילט, אַז אָט דער מערקווירדיגער ח״ן, פאַרמער, סאָלדאַט און ראש ישיבה צוזאַמען מיט זיינע תלמידים העלפען צוריקקערן די אַלטע קרוין צו יונג ישראל.

גרויס קרעדיט פאַר דער אַרבעט און דערגרייכונגען פון הרב בינה קומט זיין וואונ־דערבאַרער אשת חיל און אמת׳ער „עזר כנגדו״, די רביצין רחל, וועלכע האָט אים דער־מוטיגט אין אַלע נסיונות. זי איז היינט־צו־טאָג זיין רעכטע האַנט אין דער פירערשאַפט פון דער ישיבה, באַציט זיך צערטליך צו די תלמידים, פּאַסט אויף איבער זיי, ווי אַ לייבליכע מוטער, און זי האָט מיט רעכט פאַרדינט דעם טיטול „די מאַמע פון דער ישיבה״.

## די טשיקאַווע געשיכטע פון „מאה שערים״

„מאה שערים״ איז דער פרימסטער קוואַרטאַל פון ירושלים עיר הקודש. עס הערשט דאָרט דער גייסט און שטייגער פון ישוב הישן מיט אַלע זיבען חנ׳עך פון אַלטערטימליכער טראַדיציע. די שטילע רואיגע גאַסען און געסלעך ווערען פאַרהילכט פון דעם קול פון „תנו רבנן״ און די קלאַנגען פון תפילה בדביקות. דער באַזוכער פילט בחוש, אַז ער טרעט אויף הייליגען באָדען, און אַז דאָ רוט די שכינה פון דעם „שוכן בציון״.

די שכונה, וועלכע איז אייגענטליך דאָס געטאָ פון יראים ושלמים אין אידישען היימלאַנד, די נעסט פון עקסטרעמער אָרטאָדאָקסיע, איז געגרינדעט געוואָרען מיט לערך 90 יאָר צוריק דורך אַ גרופּע ירושלים׳ער אידען מיט דעם פיאָנער, ר׳ זלמן באראן זצ״ל בראש. וועלכע האָבען באַשלאָסען אַרויסצוגיין מחוץ לחומה פון אַלט־ירושלים, אויף דער אַראַבישער זייט, און דאָרט שאַפען דעם קערן פון ניי־ירושלים. לויט דעם אָריגינעלען פּלאַן האָבען זיך דאָרט געדאַרפט באַזעצען 100 משפחות. דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרען גראָד פרשת תולדות ווען מיר לערנען וועגען יצחק אבינו׳ס נס פון „מאה שערים״ און דערפון טאַקע דער נאָמען פון דער שכונה. מען האָט געוואָלט, אגב, בויען 100 הייזער, עפּעגען הונדערט „שערים״ פאַר אַ פאַרברייטערטען ישוב.

דאָס איז אָנגעקומען מיט גרויס מסירת נפש, ווייל די אַראַבער פון יענער זייט חומה זענען געווען אַ ווילדער און רויבערישער מערדער־עלעמענט, דערביי איז די געגענט געווען ווילד, פול מיט שלאַנגען און עקדישען. די פּיאָנערען האָבען זיך אָבער דערפאַר נישט דער־שראָקען און זענען געגאַנגען על קידוש השם.

דאָס פּראָבלעם פון פרנסה אין דער נייער שכונה איז אויך געלייזט געוואָרען אויף אַן אָריגינעלען אופן. מען האָט פאַרפלאַנצט פרדסים, פאַרזייט פעלדער, און פון די אַרויסגעוואַקסענע פרוכט האָט מען פאַרקויפט אתרוגים, פון דער תבואה האָט מען געמאָלען און פאַרקויפט מצה־שמורה מעל, און דערפון געצויגען חיונה.

אַ גרופּע ספרדישע יוגענטליכע אין ירושלים'ער „מאה שערים" קוואַרטאַל.

האָט פּאַסירט אַ מעשה נורא, אַז אַן עקדיש האָט אַ ביס געטאָן אַ קינד אין „מאה שערים", אַריינלאָזענדיג אין דעם עופה'לע זיין טויטליכען גיפט. דער סם האָט זיך אָנגעהויבען בליץ־שנעל צו פאַרשפּרייטען, און דאָס קינד איז געשטאַנען אין געפאַר קיין דאָקטאָר האָט מען צום מאָמענט נישט געקענט קו־גען. האָט ר' זלמן באַראַן איינגעשטעלט זיין אייגען לעבען, האָט אויסגעזאָגט מיט זיין מויל דאָס פאַרגיפטעטע בלוט פון דעם קינד'ס וואונד און זיך דערנאָך אַליין געקאַרטשעט פון יסורים. אַ נס איז געשען, און ביידע זענען געבליבען לעבען. דער מופת האָט נאָך מער דערמוטיגט די אידען פון „מאה שערים" אָנצוגיין מיט זייער קאָלאָניזאַציע און אַנטוויקלונג.

היינט־צו־טאָג איז „מאה שערים" די נעסט פון נטורי קרתא און דער סימבאָל פון אַלט־ירושלים, פון תורה און קדושה אין דער ג־טליכער אייביגער שטאָט.

# דער „מיליאָנער" פון ירושלים'ס „מאה שערים"

מיט קאַרגע צוויי טויזענט יאָר צוריק האָט דער פּיקח, פּסיכאָלאָג און מענשען־קענער בן־זומא אייגגעשטעלט אין „פּרקי אבות" די דעפיניציע פון רייכטום: „איזהו עשיר השמח בחלקו" — רייך איז דער וואָס איז צופרידען מיט זיין חלק און שיקזאַל אין לעבען, דער וואָס באַנוגענט זיך און איז אַ „מסתפק במועט".

גאַנצע דורות שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו לערנען דעם לעבעדיגען פּשט פון בן־זומא'ס טיפזיניגער באַמערקונג, ביי מיין באַזוך ערב יום־טוב אויף דעם „מאה שערים שוק" אין ירושלים, אין דעם אָרימען קרעמל פון אַ דאָרטיגען קליינהענדלער. איך האָב געזען פאַר זיך דעם פּסוק אין אַ לעבעדיגער געשטאַלט פון אָט דעם „מיליאָנער", וואָס פאַר־מאָגט קוים אַ העמד ביים לייב, אַ דאַר שטיקעל ברויט, און איז איבערגליקליך, אַ גאָט־געבענשטער „שמח בחלקו".

דער „מאה שערים שוק" איז די אַלט־מאָדישע, אָריגינעלע „האַנדעלס־בירזשע" פון דעם איינגעוואָרצעלטען ישוב הישן אין דער אייביגער שטאָט פון דער שכינה. די קראָמען זיינען קוים ד' אמות, טונקעל, אָרעם און ענג! די סחורה באַשטייט פון אַביסעל עסענ־וואַרג, גרינצייג, הויז־געברויך אַרטיקלען, נאָדל־פאָדעם, שיך־בענדלעך, קנעפּלעך און אַנדערע קלייניגקייטען, מערסטענס אָבער תשמישי קדושה, ווי טליתים, תפילין, ציצית, מזוזות, חפצי שמים א. אַ. וו., להבדיל בין קודש לחול.

אָט די איינגעשרומפּענע פיר איילען עולם־הזה זיינען אָבער גרויסע פעסטונגען פון גייסט. זיי שטעלען מיט זיך פאָר דעם אולטראַ־אָרטאָדאָקסישען קיבוץ פון די יקירי ירושלים און נקיי־הדעת, וועלכע ציען דאָ מאָגערע חיונה בלויז דורכצוקומען פאַר דעם ערדישען גוף און זינדיגען חומר; דער עיקר אָבער זיינען דאָס „ד' אמות של הלכה", וואו אידען לעבען און אָטעמען מיט תורה, אמונה און בטחון.

מיין גאַסטגעבער, אַ מיטליאָריגער איד, גרויסער ירא שמים, האָט מיך אַריינגעפירט אין זיין קליינטל און געוויזען זיין פאַרמעגען. די פאַרשטויבטע פּאָליצעס זיינען געווען אָנגע־פילט מיט פיצלעך און ברעקלעך סחורה מכל המינים, אַ „דעפּאַרטמענט סטאָר", וואָס קען זיך באַהאַלטען אין איין הויזווירטשאַפט־שופלאָד פון אַן אידיש־אַמעריקאַנער היים.

„ווי קומט איר אויס מיט חיונה, ווי געהט עס אייך," האָב איך געפרעגט. „קענט איר דערפון מאַכען אַ לעבען" ? — אַ פראַגע פון אַ טוריסט לויט דעם אַמעריקאַנער שאַבלאָן.

מיין גאַסטגעבער האָט אויפגעהויבען די הענט צום הימעל און געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַן עושר, וואָס האָט פולע הויפענס גליק:

„ניט צו פאַרזינדיגען. הודו לד' כי טוב. אַ דאַנק און לויב דעם באַשעפער פאַר זיין גענאָד. מיר זיינען גליקליך. מאן דיהיב חיי, יהיב מזוני" — ווער עס גיט לעבען, גיט אויך צום לעבען, חיונה, שפּייז. „מיר האָבען אמונה און בטחון און אונז פעלט קיין זאַך ניט. אויף אַמעריקאַנער אידען געזאָגט געוואָרען! זאָל נאָר דער חסד ניט אָפּגעטאָן ווערען".

איך האָב זיך געפילט בטל ומבוטל אַנטקעגען דעם „מיליאָנער" פון מאה שערים. מיין אַמעריקע פון וואוילטאָג איז מיטאַמאָל איינגעשרומפען געוואָרען געגען אָט דעם „עושר" פון ירושלים'ס ישוב הישן, וואָס האָט גאָרניט און פאַרמאָגט אַ סך . . . אַז וואויל איז צו אים.

ווען בן־זומא וואָלט אים געזען, וואָלט ער אָנגעקוואָלען פון אָט דעם אידען, וועלכער פאַרשטייט זיין כלל אַזוי באַשיינפּערליך, בפועל ממש.





דאָס בילר ווייזט אונדז ווי אַ שפּאַנאָלישער ייד מיט זיין טאָכטער שפּאַצירן צוזאַמען.

אַן אַלטער בעטלער זיצט און זאָגט תהלים אין אַ ווינקעל פון אַ ירושלים׳ער גאַס.

## קריעה אויף חורבן בית המקדש

אַ טיף־רירענד בילד האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונזערע אויגען פון דעם אָבסערוואַציע־פונקט „מצפה אבו טור", ווען דער ירושלים׳ער וויצע־מעיאָר, הרב ר׳ משה פרוש און זיין חשוב׳ע רבי׳צין האָבען אונז גענומען אין זייער אויטאָמאָביל צו זען און צו באַוויינען דעם הייליג־טראַגישען אָנדענק פון חורבן בית המקדש.



דער בית המקדש אין די צייטען פון הורדוס המלך.

ווי באַוואוסט געפינט זיך אַלט־ירושלים, דער הר הבית און דער פלאַץ פון בית המקדש אין אַראַבישע הענט. פאַרזיגעלט אויף זיבען שלעסער איז פאַר אידען דער וועג צום כותל המערבי און אונזערע גרעסטע הייליגטימער, און נאָר דורך דעם שטעכלדיגען דראָט ביי „מצפה־אבו־טור" קען מען כאַפּען אַ בליק אויף דעם וויסטען קאַשמאַר פון חורבן הבית, אויף דער היים פון דער שכינה, וואו עס שטרעקט זיך היינט האָפערדיג און חוצפה׳דיגער צום הימל דער גאָלדענער קופאָל פון מאַכמעדאַנישען „אָמאַר מעטשעט", ישמעאל׳ס טריפה׳נע תיפלה.

דאָס האַרץ פאַרקלעמט פון ווייטאָג. אַהער זענען דאָך געקומען, דורך אַלע וועגען און שליאַכען פון דער גאַרער וועלט, פאַרבענקטע אידישע עולי־רגל דורך גאַנצע דורות צו דערקוויקען דאָס אויג און מחי׳ה זיין דאָס האַרץ מיט דער קדושה פון ג־ט׳ס נעסט. היינט דאַרף אונזער פאַרטרערט אויג דורכשפּיזלען פונדערווייטענס די פאַרפעסטעטע לופט פון אַראַבישער שנאה, כדי צו דערזען כאָטש אַ פּינטעלע פון דעם אַמאָליגען גרויסען ליכט פאַר וועלט און איד, וואָס איז איצט פאַרשוועכט אין דער שטאָק־פינצטערניש פון ישמעאל׳ס טומאה.

ווי דער דין איז, רייסען מיר קריעה אויף דעם חורבן הבית, און פון אונזערע ליפען



דער מויער אַרום בית המקדש.



דער אָמאַרמעטשעט אין ירושלים, אויף דעם אָרט איז געשטאַנען דאָס בית המקדש.

שוועבט אין דעם ווייטען פרעמדען אַרום די טרויעריגע, מיט טרערן דורכגעווייקטע תפילה: „ומפני חטאינו גלינו מארצנו".

זע איך פון יענעם זייט פון שטעכיגען צוים שמוציגע אַראַבישע הייזלעך און אָפּגע־ריסענע אַראַבישע קינדער לויפען הפקר׳דיג איבער די פאַרלאָזענע שטחים. דאָרט, וואו עס האָבען זיך געהערט די אויסגעאיידעלטע, פּירכטליכע טריט פון די כהנים און די לויים, שפּרייזען־אַרום פיינטלעכע ברואים, ווי אַ טייוולאַנישער שפּיצל פון ביטערע פוקסען וועלכע האָבען אונז בארויבט פון אונזערע בעסטע היילגטימער.

מקויים געוואָרען איז דער פּסוק „הר ציון ששמם שועלים הלכו בו", און עס ווערט אַזוי אומהיימלעך אויפ׳ן האַרצען.

הערפּילט עס הרב פרוש, דער פּרינץ פון די יקירי ירושלים און ראש בית אבות פון אַ דורות־לאַנגער יחוס׳דיגער משפחה פון נקיי הדעת, טיף פאַרוואָרצעלט אין דער אייביגער שטאָט, און טרייסט אונז:

„נישט געזאָרגט, אידען! אויב אָט די נבואה פון אַ חרוב׳ן הר הבית און פראַנק־און־פריי שפּאַצירענדיגע פוקסען איז מקויים געוואָרען, וועלען מיר נאָך, מיט ג־ט׳ס הילף, אויך דערלעבען צו דער פאַרווירקלעכונג פון „מה נאוו על ההרים רגלי מבשר". אויף די חרוב׳ע בערג וועט נאָך טרעטען דער גואל און מיר וועלען זוכה זיין צו זען עפּעס אַנדערש, דעם „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים", דעם צוריקקער פון דער שכינה ובנין בית הבחירה אין אונזער צייט און דור!"

## דער ירושלים׳ער וויצע־מעיאָר רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצען

דער גרייז־גרויער פּאַטריאַרכאַלישער הרב ר׳ משה פרוש, דורות־לאַנג איינגעוואָר־צעלט אין דער אייביגער שטאָט און איינער פון די זעלטענע יקירי ירושלים און נקיי הדעת, איז געזעסען טיף אַריינגעזונקען אין אַ שטוים אָפיציעלע פאַפּירען אין דעם מעיאָר׳ס קאַבינעט פון ירושלים׳ער שטאָט־ראָט, ווען איך בין צו אים אַריינגעקומען מיט אַ באַזוך.

ר׳ משה איז דער וויצע־מעיאָר פון דער הייליגסטער שטאָט אין דער וועלט, און גראָד איצט, ביי מיין באַזוך, ווען מעיאָר טעדי קאָלעק איז אין אויסלאַנד אויף אַ וויכטיגער מיסיע, פאַרנעמט ר׳ משה דעם פּלאַץ און אַמט פון מעיאָר מיט אַלע פולמאַכטען, וואָס זיינען פאַרגעשריבען פאַר דעם הויכען פּאָסטען. ער האָט אונטערגעשריבען איין דאָקומענט נאָכ׳ן אַנדערען.

ווען איך האָב אים געפרעגט אויף וואָס ער לייגט זיין חתימה, האָט ער מיר קורץ און שאַרף געענטפערט:

„פּראָבלעמען, מיין ליבער איד; מיר זיינען אַ לאַנד מיט פּראָבלעמען".

מיר האָבען געשמועסט ווענען העברעאיש אַלס דער שפּראַך פון דער מדינה, און ר׳ משה האָט מיר סאַרקאַסטיש געזאָגט:

„געוויס איז העברעאיש אַ וויכטיגער זאַפּט אין אונזער חיות. ביי אונז הייסט עס לשון קודש, אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. מען קען זיין אַסימילירט אויך אין העברעאיש. שפּראַך אין ישראל איז נאָך ניט דער שטעמפּעל פאַר אמת׳ער אידישער אידענטיפיצירונג. אַ איד איז ניט דווקא דער וואָס רעדט העברעאיש, נאָר וואָס גלויבט און פּראַקטיצירט תורת משה אין דער אידישער מדינה".

„ווי קען מען זיין אַסימילירט אין העברעאיש?" — האָב איך נייגעריג געפרעגט.

„גאָר פשוט" — האָט ר׳ משה געענטפערט — „אַראַבער, קריסטען, אפילו גלחים רעדען אויך העברעאיש. קענט איר דען זאָגען, אַז זיי זיינען אידען? עס איז זעהר מעגליך צו האָבען אַ שמעלץ־טאָפּ פון פעלקער און קולטורען, דווקא אין העברעאיש, און גראָד אין דעם פאַרלירט זיך „דאָס פּינטעלע איד", אַ פּאַראַדאָקס, אַן איראָניע, אָבער אַ ניכ־טערער אמת".

דער וויצע־מעיאָר האָט גערעדט מיט גרויס באַגייסטערונג ווענען די ניסים, וועלכע האָבען פּאַסירט ביי דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה. ער האָט מיר איבערגעגעבען זיינעם אַ שמועס מיט טעדי קאָלעק וועגען דער אומגלויבליכער באַפרייאונג פון צפת וואו מחנות באַוואָפענטע אַראַבער זיינען אַנטלאָפען פון אַ באַפעלקערונג פון זקנים, קינדער און אַ

**הייפעל יונגוואַרג מיט פאַראַסטעטע ביקסען און טומעלדיגע, מיט שטיינער־אַנגעפילטע און אָראָפּגעקייקעלטע פעסער, דאָס איינציגע געווער, וואָס די אידען האָבען פאַרמאָגט.**

**זעט מען דען נישט דעריגען די איבער׳חזר׳ונג פון געשיכטע ? האָט דען נישט דאָס זעלבע פּאַסירט אַמאָל מיט דער מחנה ארם, וועלכע זיינען אין פּאַניק אַנטלאָפען פון שלאַכטפעלד, איבערלאָזענדיג אויף הפקר, ווי די אַראַבישע פחדנים פון אונזער דור, זייערע הייזער, גיטער און גאַנצען פאַרמעגען ? פילט מען דען ניט בפועל ממש די השגחת הבורא ? פאַרוואָס גלויבען זיי ניט, די היינטיגע חכמים אונזערע ?״**

**איך האָב געהערט די פלאַמיגע ווערטער פון דעם „יונגען״ זקן, און אין זיי האָב איך דערפילט דעם רוישיגען טעמפּאָ פון דער אייביגער שטאָט, דעם פולס פון אמונה אין נצח ישראל, וואָס קומט פון דער אָריגינעלער היים פון דער שכינה, די שטאָט וואָס גאָט האָט אויסדערוויילט פאַר זיין מנוחה און פאַר זיין נחלה לדור דורות.**

## מיין לאַנדסמאַן — דער ישראל פּרעזידענט

אין דער צייט פון מיין דורייוואָכיגען באַזוך אין מדינת־ישראל, איז מיר, נאָך געוויסע באַמיאונגען, געלונגען צו אויסווירקען אַ פּערזענליכע באַגעגעניש מיט דעם פּרעזידענט פון אונזער ניי־געבאָרען היימלאַנד, מיין שטויפּצער לאַנדסמאַן, ר׳ זלמן שזר.

דער „בית הנשיא״ אין דער סאַמע האַרץ פון ירושלים, אַ שיינער פּאַלאַץ, אַרומגערינגעלט מיט גרינס, בלומען אוןביימער, האָט מיך טיף באַאיינדרוקט אַלס דאָס נעסט פון אונזער אויפגעריכט מלכות ישראל אין אַרויסגערופען אַ געפיל פון יחוס און שטאָלץ. נאָך מער האָב איך זיך דערפילט געהויבען, וואָס מיין בן־עיר, אַ שטויפּצער איד, אַ אויסדערוויילטער זון פון גראַד אָט יענעם פאַרוואָרפענעם קליינשטעטעל אויף דער פּויליש־רוסישער גרעניץ, איז דער „נשיא בעמן״, ישראל׳ס מאַיעסטעט און „ערשטער בירגער״.

דער גרייז־גרויער פירער פון דער אינגסטער דעמאָקראַטיע ביי דעם עלטסטען פאָלק אויף דעם נאָענטען מזרח, פּרעזידענט שזר, איז געזעסען איבער אַ שטויס פּאַפּירען אין זיין קאַבינעט, ווען איך און מיין באַגלייטער, אָנקעל יחזקאל סענדער העלמאַן פון ברוקלין, האָבען זיך פאַר אים פאַרנויגט ; און געשען איז עטוואָס מערקווירדיגעס. פאַרשוואונדען זענען די שטייפע נאָרמען פון אָפיציעלען פּראָטאָקאָל, די צירליך־מאַנירליכקייט, די אויסגעדראָשענע פאָרמולעס, וואָס מען באַנוצט ביים באַגעגענען אַ מלוכה־הויפּט. איך האָב דערפילט דעם אָטעם פון אַ האַרציגען לאַנדסמאַן, די אינטימקייט פון מיין אַלטער היים, וועלכע האָט אויפגעלעבט אין די ד׳ אמות פון ר׳ זלמן שזר, די לייב־און־לעבעדיגע נאָענטקייט פון איין אידען צום אַנדערן. דאָס איז דער באַזונדער כוח פון אונזער געבענטשטען פּרעזידענט, וועלכער איז אַ גוטמוטיגער, ליבליכער פאָלקס־מענש.

„שלום עליכם, ר׳ אהרע׳ס אייניקעל !״ — אָט מיט די וואַרעמע ווערטער האָט מיר דער פּרעזידענט אויסגעשטרעקט זיין אויסגעאיידעלטע האַנט. מיט דער טביעת עין פון אַ תלמיד־חכם האָט ער מיך דערקענט פון אונזערע באַגעגענישען אין אַמעריקע, נאָך איידער ער איז געוואָרען מלוכה־הויפּט ; מיט זיין פענאָמענאַלען זכרון האָט ער אָפּגעפרישט אַ קאַפּיטעל שטויפּץ, מיין אָפּשטאַם און די פּאַטריאַרכאַלע געשטאַלט פון מיין זיידע׳ן, ר׳ אהרע זצ״ל, וועמען מען האָט אין שטעטעל גערופען „רב״, אפילו שלא בפניו.

דער פּרעזידענט האָט אונז מכבד געווען מיט אַ גוט ביסעלע משקה, זיך נאָכגעפרעגט אויף לאַנדסלייט, אויפגעפרישט בלעטער זכרונות פון אונזער היימשטאָט און אַרויסגעוויזען גרויס בקיאות אפילו אין די נעמען פון די דערפער אַרום. ער האָט אויך געדענקט יעדען אידען אין דער אַלטער היים ביי זיין נאָמען און „צונעמעניש״.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן ר׳ זלמן שז״ר׳ס טיפזיניגען פּערז פון זיין מייסטער־ווערק, דאָס בוך „כוכבי בוקר״ (שטערן פאַרטאָג): „יונגע שפּראָצען, פרילינגס־בלומען, ווער קען זיי פון האַרצען טרייבען? וואָס מען ליבט אין יונגע טעג — ווערט שוין אייביג לעבען בלייבען״. יאָ, כאָטש זיך הויך אַרויפגעשטאַפּעלט אויף דעם לייטער פון אידישען לעבען אָנהויבענדיג פון ליובאַוויטשער חסידים־שטיבעל, דורך אוניווערזיטעטס־זאַלען חלוצישער עליה, פּאָרטפעל פון בילדונגס־מיניסטער, לייטענדער ראָל אין דער אידישער אַגענטור, ביז צום „בית הנשיא״, איז פּרעזידענט שז״ר פאַרבליבען אַ היימישער איד, אַ געטרייער שטויפּצער לאַנדסמאַן.

שוועבט אין דעם ווייטען פרעמדען אַרום די טרויעריגע, מיט טרערן דורכגעווייקטע תפילה: „ומפני חטאינו גלינו מארצנו".

זע איך פון יענעם זייט פון שטעכיגען צוים שמוציגע אַראַבישע הייזלעך און אָפּגעריסענע אַראַבישע קינדער לויפען הפקר'דיג איבער די פאַרלאָזענע שטחים. דאָרט, וואו עס האָבען זיך געהערט די אויסגעאיידעלטע, פירכטליכע טריט פון די כהנים און די לויים, שפּרייזען אַרום פיינטלעכע ברואים, ווי אַ טייוולאַנישער שפּיצל פון כיטרע פוקסען וועלכע האָבען אונז באַרויבט פון אונזערע בעסטע הייליגטימער.

מקויים געוואָרען איז דער פסוק „הר ציון ששמם שועלים הלכו בו", און עס ווערט אַזוי אומהיימלעך אויפ'ן האַרצען.

הערפילט עס הרב פרוש, דער פרינץ פון די יקירי ירושלים און ראש בית אבות פון אַ דורות־לאַנגער יחוס'דיגער משפחה פון נקיי הדעת, טיף פאַרוואָרצעלט אין דער אייביגער שטאָט, און טרייסט אונז:

„נישט געזאָרגט, אידען! אויב אָט די נבואה פון אַ חרוב'ן הר הבית און פראַנק־און פריי שפּאַצירענדיגע פוקסען איז מקויים געוואָרען, וועלען מיר נאָך, מיט ג־ט'ס הילף, אויך דערלעבען צו דער פאַרווירקלעכונג פון „מה נאוו על ההרים רגלי מבשר". אויף די חרוב'ע בערג וועט נאָך טרעטען דער גואל און מיר וועלען זוכה זיין צו זען עפּעס אַנדערש, דעם „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים", דעם צוריקקער פון דער שכינה ובנין בית הבחירה אין אונזער צייט און דור!"

## דער ירושלים'ער וויצע־מעיאָר רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצען

דער גרייז־גרויער פּאַטריאַרכאַלישער הרב ר' משה פרוש, דורות־לאַנג איינגעוואָרצעלט אין דער אייביגער שטאָט און איינער פון די זעלטענע יקירי ירושלים און נקיי הדעת, איז געזעסען טיף אַריינגעזונקען אין אַ שטויס אָפיציעלע פּאַפּירען אין דעם מעיאָר'ס קאַבינעט פון ירושלים'ער שטאָט־ראַט, ווען איך בין צו אים אַריינגעקומען מיט אַ באַזוך.

ר' משה איז דער וויצע־מעיאָר פון דער הייליגסטער שטאָט אין דער וועלט, און גראָד איצט, ביי מיין באַזוך, ווען מעיאָר טעדי קאָלעק איז אין אויסלאַנד אויף אַ וויכטיגער מיסיע, פאַרנעמט ר' משה דעם פּלאַץ און אַמט פון מעיאָר מיט אַלע פולמאַכטען, וואָס זיינען פאַרגעשריבען פאַר דעם הויכען פּאָסטען. ער האָט אונטערגעשריבען איין דאָקומענט נאָכ'ן אַנדערען.

ווען איך האָב אים געפרעגט אויף וואָס ער לייגט זיין חתימה, האָט ער מיר קורץ און שאַרף געענטפערט:

„פּראָבלעמען, מיין ליבער איד; מיר זיינען אַ לאַנד מיט פּראָבלעמען".

מיר האָבען געשמועסט וועגען העברעאיש אַלס דער שפּראַך פון דער מדינה, און ר' משה האָט מיר סאַרקאַסטיש געזאָגט:

„געוויס איז העברעאיש אַ וויכטיגער זאַפט אין אונזער חיות. ביי אונז הייסט עס לשון קודש, אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. מען קען זיין אַסימילירט אויך אין העברעאיש. שפּראַך אין ישראל איז נאָך ניט דער שטעמפּעל פאַר אמת'ער אידישער אידענטיפיצירונג. אַ איד איז ניט דווקא דער וואָס רעדט העברעאיש, נאָר וואָס גלויבט און פּראַקטיצירט תורת משה אין דער אידישער מדינה".

„ווי קען מען זיין אַסימילירט אין העברעאיש?" — האָב איך נייגעריג געפרעגט.

„גאָר פּשוט" — האָט ר' משה געענטפערט — „אַראַבער, קריסטען, אַפילו גלחים רעדען אויך העברעאיש. קענט איר דען זאָגען, אַז זיי זיינען אידען? עס איז זעהר מעגליך צו האָבען אַ שמעלץ־טאָפּ פון פעלקער און קולטורען, דווקא אין העברעאיש, און גראָד אין דעם פאַרלירט זיך „דאָס פּינטעלע איד", אַ פּאַראַדאָקס, אַן איראָניע, אָבער אַ ניכטערער אמת".

דער וויצע־מעיאָר האָט גערעדט מיט גרויס באַגייסטערונג וועגען די ניסים, וועלכע האָבען פּאַסירט ביי דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה. ער האָט מיר איבערגעגעבען זיינעם אַ שמועס מיט טעדי קאָלעק וועגען דער אומגלויבליכער באַפרייאונג פון צפת וואו מחנות באַוואָפּענטע אַראַבער זיינען אַנטלאָפען פון אַ באַפעלקערונג פון זקנים, קינדער און אַ

הייפעל יונגוואַרג מיט פאַר־אַסטעטע ביקסען און טומעלדיגע, מיט שטיינער־אָנגעפילטע און אַראָפּגעקייקעלטע פעסער, דאָס איינציגע געווער, וואָס די אידען האָבען פאַרמאָגט.

זעט מען דען נישט דערינען די איבער־חזר׳ונג פון געשיכטע? האָט דען נישט דאָס זעלבע פּאַסירט אַמאָל מיט דער מחנה ארם, וועלכע זיינען אין פּאַניק אַנטלאָפען פון שלאַכטפעלד, איבערלאָזענדיג אויף הפקר, ווי די אַראַבישע פחדנים פון אונזער דור, זייערע הייזער, גיטער און גאַנצען פאַרמעגען? פילט מען דען ניט בפועל ממש די השגחת הבורא? פאַרוואָס גלויבען זיי ניט, די היינטיגע חכמים אונזערע?״

איך האָב געהערט די פלאַמיגע ווערטער פון דעם „יונגען״ זקן, און אין זיי האָב איך דערפילט דעם רוישיגען טעמפּאָ פון דער אייביגער שטאָט, דעם פּולס פון אמונה אין נצח ישראל, וואָס קומט פון דער אָריגינעלער היים פון דער שכינה, די שטאָט וואָס גאָט האָט אויסדערוויילט פאַר זיין מנוחה און פאַר זיין נחלה לדור דורות.

## מיין לאַנדסמאַן — דער ישראל פּרעזידענט

אין דער צייט פון מיין דורייוואָכיגען באַזוך אין מדינת־ישראל, איז מיר, נאָך געוויסע באַמיאונגען, געלונגען צו אויסווירקען אַ פּערזענליכע באַגעגעניש מיט דעם פּרעזידענט פון אונזער ניי־געבאָרען היימלאַנד, מיין שטויפּצער לאַנדסמאַן, ר׳ זלמן שזר.

דער „בית הנשיא״ אין דער סאַמע הארץ פון ירושלים, אַ שיינער פּאַלאַץ, אַרומגערינגעלט מיט גרינס, בלומען אוןביימער, האָט מיך טיף באַאיינדרוקט אַלס דאָס נעסט פון אונזער אויפגעריכט מלכות ישראל אין אַרויסגערופען אַ געפיל פון יחוס און שטאָלץ. נאָך מער האָב איך זיך דערפילט געהויבען, וואָס מיין בן־עיר, אַ שטויפּצער איד, אַן אויסדערוויילטער זון פון גראָד אָט יענעם פאַרוואָרפענעם קליינשטעטעל אויף דער פּויליש־רוסישער גרעניץ, איז דער „נשיא בעמך״, ישראל׳ס מאַיעסטעט און „ערשטער בירגער״.

דער גרייז־גרויער פירער פון דער אינגסטער דעמאָקראַטיע ביי דעם עלטסטען פאָלק אויף דעם נאָענטען מזרח, פּרעזידענט שזר, איז געזעסען איבער אַ שטויס פּאַפּירען אין זיין קאַבינעט, ווען איך און מיין באַגלייטער, אָנקעל יחזקאל סענדער העלמאַן פון ברוקלין, האָבען זיך פאַר אים פאַרנויגט; און געשען איז עטוואָס מערקווירדיגעס. פאַרשוואונדען זענען די שטייפע נאָרמען פון אָפיציעלען פּראָטאָקאָל, די צירליך־מאַנירליכקייט, די אויסגעדראָשענע פאָרמולעס, וואָס מען באַנוצט ביים באַגעגענען אַ מלוכה־הויפּט. איך האָב דערפילט דעם אָטעם פון אַ האַרציגען לאַנדסמאַן, די אינטימקייט פון מיין אַלטער היים, וועלכע האָט אויפגעלעבט אין די ד׳ אמות פון ר׳ זלמן שזר, די לייב־און־לעבעדיגע נאָענטקייט פון איין אידען צום אַנדערן. דאָס איז דער באַזונדער כוח פון אונזער געבענטשטען פּרעזידענט, וועלכער איז אַ גוטמוטיגער, ליבליכער פאָלקס־מענש.

„שלום עליכם, ר׳ אהרע׳ס אייניקעל!״ — אָט מיט די וואַרעמע ווערטער האָט מיר דער פּרעזידענט אויסגעשטרעקט זיין אויסגעאיידעלטע האַנט. מיט דער טביעת עין פון אַ תלמיד־חכם האָט ער מיך דערקענט פון אונזערע באַגעגענישען אין אַמעריקע, נאָך איידער ער איז געוואָרען מלוכה־הויפּט; מיט זיין פענאָמענאַלען זכרון האָט ער אָפּגעפרישט אַ קאַפּיטעל שטויפּץ, מיין אָפּשטאַם און די פּאַטריאַרכאַלע געשטאַלט פון מיין זיידע׳ן, ר׳ אהרע זצ״ל, וועמען מען האָט אין שטעטעל גערופען „רב״, אפילו שלא בפניו.

דער פּרעזידענט האָט אונז מכבד געווען מיט אַ גוט ביסעלע משקה, זיך נאָכגעפרעגט, זויף לאַנדסלייט, אויפגעפרישט בלעטער זכרונות פון אונזער היימשטאָט און אַרויסגעוויזען ג־טס בקיאות אפילו אין די נעמען פון די דערפער אַרום. ער האָט אויך געדענקט יעדען אידען אין דער אַלטער היים ביי זיין נאָמען און „צונעמעניש״.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן ר׳ זלמן שז״ר׳ס טיפזיניגען פערז פון זיין מייסטער־ווערק, דאָס בוך „כוכבי בוקר״ (שטערן פאַרטאָג): „יונגע שפּראָצען, פרילינגס־בלומען, ווער קען זיי פון האַרצען טרייבען? וואָס מען ליבט אין יונגע טעג — ווערט שוין אייביג לעבען בלייבען״. יאָ, כאָטש זיך הויך אַרויפגעשטאַפּעלט אויף דעם לייטער פון אידישען לעבען אָנהויבענדיג פון ליובאַוויטשער חסידים־שטיבעל, דורך אוניווערזיטעטס־זאַלען, חלוץ ישוער עליה, פאָרטפעל פון בילדונגס־מיניסטער, לייטענדער ראָל אין דער אידישער אָגענטור, ביז צום „בית הנשיא״, איז פּרעזידענט שז״ר פאַרבליבען אַ היימישער איד, אַ געטרייער שטויפּצער לאַנדסמאַן.

פרעזידענט זלמן שזר פון מדינת ישראל.

ביים געזעגענען זיך, האָט דער ישראל־פּרעזידענט מיר געשענקט די בעסטע מתנה; דעם אייגנאַרטיגען „שזר־שמייכעל" וואָס האָט באַשיינט און באַהעלט מיין צוריקקער קיין אַמעריקע.

## תל אביב — ישראל׳ס „קליין ניו יאָרק"

אַט ווי ירושלים עיר הקודש, דער וועלט׳ס אייביגע שטאָט, קרוין פון אונזער לאַנד און נעסט פון בית המקדש, פאַרכישופט דעם טוריסט מיט איר דורות־לאַנגער מאַיעסטעט פון ישראל סבא, אַזוי איז תל אביב דער לוסטיגסטער און האָפערדיגער סימבאָל פון יונג־ישראל. רווישיג און פאַרבענרייך הייטערט זי אויף דאָס געמיט מיט איר ברויזיגען שוים פון יוגענט און פרילינג, אין אַלע צייטען פון יאָר.

מיט איר צאַפּלדיגער פרישקייט, מאָדערנסטע לוקסוס, אויגען־פאַרבלענדענדער באַלויכטונג, יאַריד פון מענשען און „בבל" פון נאַציאָנאַליטעטען, לשונות, ראַסען פון פאַרשידענעם הויט־קאָליר און לבוש, דערמאָנט תל אביב אין פיל הינזיכטען אין אונזער אַמעריקאַנער מעטראָפּאָליע און וועלט־שטאָט, ניו יאָרק. זי איז ישראל׳ס „ניו יאָרק אין

אַ בליק אויף תל אביב.

מיניאַטור״, אַט די צויבערליכע תל אביב, וואו עס שוויבעלט און גריבעלט מיט דעם קרעפטיגען פולס פון לעבען, טאָג און נאַכט.

תל אביב איז איינע פון די פאַרפּאָסטענס פון דער מערב־ציוויליזאַציע אין נאָענטען מזרח, די בריק צווישען די מאָדערנסטע ישובים פון דער וועלט און דעם פרימיטיווען אַראַבישען מדבר.

דאָס לעבען אין תל אביב איז מערסטענטיילס אין דרויסען, אויף די וועראַנדעס, אויף די טראָטואַרען ביי די קאַפעען אָדער ביים ברעג ים, וואו עס איז קילער און מען קען געפינען אַ שאָטען זיך צו באַשיצען פון דער בריענדיגער ישראל־זון, באַזונדערס אין די „חאַמסין־טעג״.

כאָטש תל אביב איז ענליך צו ניו יאָרק, האַלט זי אָבער אָן איר אייגענאַרטיגקייט, אַלס די מיושב׳דיגע, עכט־אידישע שטאָט, וואָס האַלט פון דער טראַדיציע פון מעסיגקייט, מתינות. גראָד אַט־די קאָכיגע תל אביב פאַרהאַלט אין די מיטאָג־שטונדען דעם אָטעם, און טעמפּאָ פון איר געווירבעל און גייט כאַפּען אַ געשמאַקען בים און זיך צולייגען שלאָפען אויף עטליכע שעה. אמת, גראָד אין די שטונדען דערגרייכט די גליענדיגע היץ איר הויך־פּונקט און די לופט בריט, דאָך איז עס אַן אינטערעסאַנטער מופת, ווען אַ גאַנצע שטאָט ווערט מיטאַמאָל, ווי לויט אַ סיגנאַל, טויט־שטיל, געשעפטען, ביוראָס, וואַרשטאַטען, פאַבריקען ווערען געשלאָסען, אַז יונג און אַלט, מאַן און פרוי, אָרעם און רייך, שטראָמען אַהיים עסען זייער מאָלצייט און אויסגלייכען די ביינער אויף אַ באַקוועמען געלעגער, כדי נאָך אַן אָנגענעמען דרימעל זיך אויפצוכאַפּען פריש און מונטער צו דעם געניס פון נאָכמיטאָג און אָוונט.



ביים ברעג פון ים אין תל־אביב

די לילענבלום־גאַס אין תל־אביב

פאַר אַן אַמעריקאַנער טוריסט איז עס אַן אינטערעסאַנטע איבערלעבעניש, אַט דער ישראל׳דיגער „שבת אינדערוואָכען״ דורך די מיטאָג־שטונדען, ווען ביי אונז אין ניו יאָרק איז „לאָנטש טאַים״ גראָד אַ צייט פון פאַרפילפאַכטען געיעג; ווען רעסטאָראַנען, באַנקען, געשעפטען שטעלדאָן עקסטראַ מענשען צו דערלעדיגן קונדען, וועלכע לאָזן איבער אויף דער מיטאָג־שטונדע אַלע זייערע פּערזענליכע אָנגעלעגנהייטען.

אַ טשיקאַווע דערשיינונג. מען זעט עס אין פילע אייראָפּעאישע שטעט ווי אין ישראל אָבער דער קאָנטראַסט: תל אביב־ניו יאָרק, וואַרפט זיך באַזונדער אין די אויגען.

## בני ברק — ישראל׳ס תורה אימפעריע און גרעסטער „פּאַליש״

אויסגעפּוצט, אויפגערוימט און דורכגעלייטערט, אויסגעצוואָגען אין די מרחצאות און מקוואות, געלייטזעליגט מיט דער באַזונדערער הייליגקייט פון דער „נשמה יתירה״, האָט זיך די ג־טספאָרכטיגע בני ברק געגרייט מקבל פּנים צו זיין די שבת מלכתא, ווען איך בין אָנגעקומען אין שטאָט אַריין מיט דעם לעצטען „באָס״ פון ירושלים.

אַ חסיד׳ישער ייד רעקט דעם דאַך אין בני ברק

איך האָב געהאַט דאָס מזל און הצלחה צו גרייכען אין צייט די שבת־קייט, וועלכע איז, אַזוי צו זאָגען, בני ברק׳ס אייגענע „רויטע ליכט״ אָפּצושטעלען די ערב־שבת׳דיגע „טרעפיק״, דער הייליגער סיגנאַל, אַז שבת קודש קומט אָן, און אַז די עדה אידען פון „יענער זייט פון דער קייט״ צאַמט זיך אָפּ פון דעם רוישיגען אַרום אָפּצוהיטען דעם „חמדת הימים״ אין מנוחה, קדושה און טהרה.

אָנגעטאָן שבת׳דיג, עלטערע אידען מיט לאַנגע בערד און יונגוואַרג מיט געקרייזעלטע פאות נאָך פייכט פון די וואַסער־הענגלעך נאָך דער אָקאָרשטדיגער טבילה, צניעות׳דיגע פרויען מיט שייטלען אָדער טיכלעך טיף אַראָפּגעדעקטע איבער זייערע קעפּ, האָט זיך דער עולם געצויגען פון הויפען און הייזער אין שוהל אַריין.

בני ברק געהערט צו די עלטסטע ביבלישע ישובים אין אונזער הייליגען לאַנד. בשעת דער פאַרטיילונג פון ארץ כנען צו די שבטים דורך יהושע בן נון על פי גורל, איז בני ברק אַריינגעפאַלען אין דער נחלה פון שבט דן. אָט די אויסדערוויילטע שכונה ווערט דערמאָנט אין דער הגדה און אַרויפגעבראַכט ביי די סדרים אויף אונזערע פסח־טישען, ווען מיר חזר׳ן איבער מיט כוונה און אַ זיסען ניגון די טשיקאַווע מעשה פון יענע גרויסע תלמידי חכמים: ר׳ עליעזר, ר׳ יהושע, ר׳ אלעזר בן עזריי, ר׳ עקיבא און ר׳ טרפון, וועלכע זענען „געזעסן אָנגעלענט אין בני ברק און אַ גאַנצע נאַכט דערציילט די געשיכטע און די נסים פון יציאת מצרים״.

דעם שבח פון „ארץ זבת חלב ודבש״, דאָס לאַנד פון מילך און האָניג, מיט וועלכען ארץ ישראל ווערט באַצייכענט, שרייבט־צו רמי בר יחזקאל דווקא צו בני ברק, לויט אַן עפּיזאָד אין מסכתא כתובות, קי״א, וואו ער דערציילט וועגען „ציגען און פייגען אין בני ברק, וועלכע טריפען אַ שפע פון מילך און האָניג״.

בני ברק איז אויך אַ יחוס־שטאָט מיט דער געשיכטע פון איר כסא הרבנות, אויף וועלכען עס איז געזעסן דער הייליגער תנא ר׳ עקיבא. געווען איז עס יענער מגושמ׳דיגער עם־הארצ׳ישער פאַסטעך פון כלבא שבוע׳ס שאָף, וועלכער האָט זיך אין פערציגסטען יאָר פון זיין לעבען, אויף דעם אָנבליק פון אַ טראָפּען וואַסער, וואָס בויערט דורך אַ לאָך אין אַ שטיין דורך עקשנות און צייט, אָפּגעלערנט אַ מוסר השכל, אַז מיט אַנטשלאָסענקייט און התמדה קען מען פון אַ גראָבען בור ווערען אַ גרויסער תלמיד חכם, אויב מען לערנט כסדר, און אַז עס איז קיינמאָל ניט צו שפּעט דאָס צו טאָן. אונטער דעם איינפלוס פון כלבא שבוע׳ס טאָכטער, זיין שפּעטערדיגער פרוי, רחל, פאַרלאָזט ער די שאָף, גייט אַוועק לערנען, און אין יאָרען שפּעטער קערט ער זיך אום צוריק אַלס גרויסער גאון, מרביץ תורה און רבי פון 24 טויזענט תלמידים. אָט דער זעלבער רבי עקיבא דערמוטיגט אידען צום קאַמף קעגען די רוימישע באַדריקער, ווערט געפאַנגען און אומגעבראַכט צווישען די „עשרה הרוגי מלכות", דורך צופּען זיין לייב מיט אייזערנע קאַמען. ער איז מקדש השם מיט „שמע ישראל" און דאַנקט ג־ט פאַר דער געלעגענהייט צו קענען אים דינען „בכל נפשך", מיט זיין לעבען אַלס קרבן אויפ׳ן מזבח פון דער אמונה.

אַ שפּאַציר אין בני ברק שבת נאָכ׳ן טשאָלענט.

די גאָלדענע קייט פון בני ברק׳ער רבנות שטרעקט זיך דורך דורות ביז צו דעם לעצטענס־פאַרשטאָרבענעם גאון און צדיק פון אונזער דור, דעם בעל „חזון איש", ישראל׳ס גרעסטען תורה־אויטאָריטעט, וויכטיגסטען פוסק און אומפאַרגלייכליכען מומחה אין „מצוות התלויות בארץ".

## פון שאָסעי־אַספאַלט צום שרייב־טיש אַלס וויצע־מעיאָר

**„פנו דרך ד׳ ישרו בערבה מסלה לא־לקנו" — אָט מיט דעם פסוק פון ישעי׳ הנביא האָט אָנגעהויבען זיין געשפּרעך ר׳ ישראל איידעלמאַן, דער חשוב׳ער וויצע־מעיאָר פון פתח־תקוה, די „מאַמע פון די קאָלאָניעס" אין ישראל, ווען מיר זענען געזעסען ביי זיין שרייב־טיש אין גרויסאַרטיגען בנין פון שטאָט־ראַט און אָנגעקוקט פון דער הויך די שפּע און מזל־ברכה פון אָט דעם פּיאָנערישען ישוב.**

„מיר האָבען דעם פסוק מקיים געווען" — האָט מיט טיפער איבערצייגונג און שטאָלץ נערעדט ר' ישראל. מיר האָבען געפלאַסטערט וועגען פאַר דער שכינה, פאַר שיבת ציון, פאַר אידען פון דער גאָרער וועלט צו קענען קומען צוריק אין דער מאַמע'ס שויס.
און געווען איז עס נישט קיין אויסגעדראָשענע פראַזע לתפארת המליצה צו באַגייס־טערן אַ טוריסט, נאָר אַ געשעענער פאַקט, אַ שטיק ארץ ישראל'דיגע ווירקליכקייט.

דער עמבלעם פון שטאָט־ראַט אין פתח־תקוה.

ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט אין לויף פון געשפרעך, האָט טאַקע ר' ישראל געאַרבעט ביי אַ שאָסעי, גיסענדיג אַספאַלט און מאַכענדיג אַ וועג פאַר דעם רבונו של עולם און פאַר ציון'ס פאַרוואָגעלטע קינדער.
אין מיין מוח האָט זיך אויסגעשפּינט אַ בילד פון ישראל'טשע דעם „מפונק", דעם אויסגעאיידעלטען חסידישען בחור פון טיף־פוילען, זייד און אַטלאַס, פון די וואוילסטע אין שטיבעל, וועלכער איז דאָ, אויף מאַמע ציון'ס ערד, געוואָרען פּראָדוקטיוו, אַנגעהויבען אַ ניי לעבען, געגאָסען צעשמאָלצענעם אַספאַלט אונטער די בריענדיגע שטראַלען פון דער מזרח־זון אין זודיגע „כאַמסין"־טעג; ישראל'טשע, וועמענס דיקע טראָפּענס שווייס האָבען זיך געמישט מיט דעם שוואַרצען פעך און געלייגט אַ געזונטען יסוד אונטער אידישע פיס, דעם „שאָסעי צו אַ ליכטיגער צוקונפט".

ר' ישראל דערציילט מיר, אַז אַט טאַקע אין אַזאַ מאָמענט און ביי אַזאַ סצענע, האָט ער דערזען זיין רבי'ן, צו וועלכען ער פלעגט נאָך פאָרען אין פוילען, און וועלכער איז גראָד איצט פאַרבייגעפאָרען דעם פּלאַץ. דער רבי האָט אַוועקגעקוקט, כדי נישט צו שטעלן זיין חסיד אין אַ פאַרלעגענהייט, אָבער, ער, ישראל, אויסגעשמירט אין פעך, שטויב און זאַמד אויף זיין געזיכט און אַרבעטס־קליידער, איז צוגעלאָפען צום רבי'ן און אים געזאָגט:
„רבי, דאָס בין איך, אייער ישראל'טשע, דער נייער איד פון אַלט־אייביגען ישראל סבא. איך בין שטאָלץ אויף מיין לבוש און מלאכה, און איר דאַרפט זיך נישט פילען אין אַ פאַרלעגענהייט, וואָס איר האָט מיך אַזוי געטראָפען. אדרבה, גיט אַ ברכה!
און דער רבי האָט געבענטשט די הענט מיט מאַזאָליעס און דאָס האַרץ פון גאָלד און די אַדלער־אויגען, וועלכע ציען זיך פון ישראל'ס פעלז און זאַמד צו די הימלען, צו דער שכינה.

**די ברכה איז מקויים געוואָרען, היינט איז ר׳ ישראל דער וויצע־מעיאָר פון פתח־תקוה, שטאָלץ מיט זיין פאַרגאַנגענהיים, גליקליך מיט דער געגענוואַרט, האָפענונגספול אויף**



ר׳ ישראל איידעלמאַן, וויצע־מעיאָר פון פתח־תקוה, האַלט אַ רעדע.

**דער צוקונפט, בחסד עליון. ער איז איינער פון די פירער פון „פועלי אגודת ישראל" אין דער אידישער מדינה, און פון זייער ליסטע איז ער טאַקע דערוויילט געוואָרען אַלס וויצע־מעיאָר.**

**„דאָס איז אונזער וועג אין ישראל" — האָט מיר דער וויצע־מעיאָר דערקלערט, „פון שאָסעי צום שטאָט־ראַט, וויילביידע זענען ווירקליכקייט, ביידע בויען ישראל".**

**מיינע ליפען האָבען געפליסטערט: „ישראל אשר בך אתפאר".**

## „יד לבנים" — אַ נאַציאָנאַלער מעמאָריאַל מוזעאום

צווישען די מערקווירדיגקייטען פון אונזער אויפגעריכט היימלאַנד פאַרנעמט אַ ביז גאָר וויכטיגען פלאַץ דער נאַציאָנאַלער מעמאָריאַל מוזעאום אין פתח תקוה, וואָס טראָגט דעם סימבאָלישען נאָמען „יד לבנים", און איז ווירקליך אַ הייליגער אָנדענק צו 300 יונגע ישראל־העלדען, וועלכע האָבען מקריב געווען זייער לעבען אויפ׳ן מזבח פון פאָלק און לאַנד אין קאַמף מיט די אַראַבער אין דער צייט פון דער „מלחמת השחרור" (באַפרייאונגס־קריג) און שפּעטערדיגער באַרימטער סיני־אַקציע.

דער נאַציאָנאַלער מוזעאום „יד לבנים" אין פתח תקוה.

אַ נאַציאָנאַלער פאַנטעאָן פאַר אידישע העלדען, שטעלט מיט זיך פאָר דער „יד לבנים" אַ וואונ־ערבאַרען בנין, וואו עס זיינען אויף די ווענט פאַראייביגט די נעמען פון די גבורי האומה. צווישען די נעמען וואַרפען זיך אין די אויגען די צוויי יונגינקע ברידער, צבי און יעקב שיק, פון דער גאונ׳ישער משפחה פון מהר"ם שיק, וועלכע האָבען זיך על פי נס געראַטעוועט פון חורבן איירָאפּע, אָבער אומגעקומען דאָ אויפ׳ן שלאַכטפעלד אין די צוויי אויבען־דערמאָנטע מיליטערישע אָפעראַציעס. ישראל וועט זיי אַלעמען אייביג געדענקען.

ביי אונזער באַזוך אין „יד לבנים" זעען מיר אויך פאַרכאַפּטע עגיפּטישען טאַנקען, האַרמאַטען און ביקסען פון סאָוועטישען אָפּשטאַם, אַן עגיפּטישע פאָן, ווי אויך פאַרשידענע אַמוניציע.

עס וואַרפט זיך אין די אויגען אויף איינער פון די ווענט אַן איינדרוקספולער שיר, אַ פּאָעטיש ליד פון אַ יונגען העלד, א. קליר, געשריבען אַ קורצע צייט פאַר זיין אומקום: פיליכט אַן אור־אייניקעל פון דעם באַרימטען פייטן, ר׳ אליעזר הקליר, ווייל דאס ליד איז



ערד־וואַך ביים אָנדענק טאַפעל פון די מלחמה העלדען אין „יד לבנים״ אין פתח תקוה.

זעהר טאַלאַנטפול געשריבען, טאַקע ווי אַ פיוט, מיט הייליגען פּאַטאָס. דאָס ליד לויטעט ווי אַ בריוו צו אַ פאַרטרויערטער מאַמע׳ן, און בעט איר „צו פאַרמיידען איר קול פון געוויין און אויג פון טרער״, ווייל ווי געטרייע קינדער דינען דאָ אַלע זין פאַר דער שוץ פון מוטערלאַנד. עס קלינגט ווי אַ צוואה פון מוט און גלויבען לדור־דורות.

מען זעט דאָרט אויך דעם פסוק פון ירמיהו הנביא „מאנה להנחם על בני״, און ווי יעדע איינצעלנע מאַמע, אַזוי אויך די אַלגעמיינע מאַמע־ציון „לאָזט זיך נישט טרייסטען אויף אירע קינדער״.

## די געזונקענע שיף אין חיפה׳ער פּאָרט

דלילה דיג־קאַקעטיש טוליעט זיך די „ים־נימפע״, די פּראַכטפולע שטאָט חיפה, צו פוסענס פון הויכען, שלאַנקען ריז, דעם „הר הכרמל״. זי ליגט אויסגעשטרעקט צווישען הימל און וואַסער, אָנגעשפאַרט אָן דעם פעלזיגען רוקען פון דעם היסטאָרישען באַרג און טובל׳ט זיך אין די שוימיגע כוואַליעס פון ים התיכון, אונטער דער צערטליכער ישראל־זון.

חיפה איז דער וויכטיגסטער פּאָרט פון דער אידישער מדינה. די שטאָט ווערט שוין דערמאָנט אין גמרא (מס׳ שבת, גיטין, קידושין, מגילה). פון טולמא של צור אַזש ביז חיפה פלעגט מען פאַנגען דעם „חלזון״, אַ ים־שרץ פון בלויען קאָליר, וועלכען מען פלעגט נוצען פאַר „תכלת״ צו ציצית. אין חיפה האָבען געוואוינט פיל גדולי ישראל.

איינער פון די מערקווירדגקייטען פון חפה׳ער האַפען אין דער געשיכטע פון דער היינטיגער אידישער מדינה איז די אַוואַנטוריסטישע שיף „אף על פי כן״ (פונדעסטוועגען). די שיף פלעגט זיך אַרויסשמוגלען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט פון חיפהר׳ע פּאָרט און זיך לאָזען אין ים אַריין אויפצונעמען די אומלעגאַלע עולים, די „מעפילים״, וועלכע פלעגען קומען פון אַלע עקן וועלט קיין פּאַלעסטינע אין דער צייט פון דעם ענגלישן מאַנדאַט.



שיפֿען ביים האַפֿען אין חיפֿה.

„אף על פּי כן״ איז געווען די מאַגישע בריק, דער וואונדערבאַרער „רעטונגס־גאַרטעל״ צווישן די אומלעגאַלע שיפֿען מיט אידישע וואַנדערער און די אויסגעבענקטע ברעגעס פֿון אונזער היימלאַנד, דאַן נאָך אונטער דעם קנאַפּעל פֿון דעם טרויעריג־באַרימטען בריטישען שונא ישראל בעווין. זי האָט באַקומען דעם נאָמען אַלס סימבאָל פֿון עקשנות, ריזיקע און אויסדויער. דאָס דערמאָנט, אגב, אויך אָן דעם מערקווירדיג־סימבאָלישען נאָמען פֿון „גענעראַל אין ברירה״, אין דעם באַפֿרייאונגס־קאַמף מיט די אַראַבער ערב דער געבורט פֿון דער איצטיגער אידישער מדינה.

די שיף „אף על פּי כן״ איז געכאַפּט געוואָרען, נאָכדעם ווי די ענגלישע מאַנדאַטער מאַכט איז געקומען אויף אירע שפּורן, און זי איז געזונקען געוואָרען מיט אַ פֿאַרלוסט פֿון פֿיל לעבענס. נאָך דעם אויפֿקום פֿון דער אידישער מדינה האָט מען די שיף אַרויסגעשלעפּט פֿון די וואַסערן, און איצט שטייט זי אין פּאָרט, שטאָלץ און ווירדיג, אַלס דערמאָנונג, אַז מיר זיינען אַ האַרטנעקיג פֿאָלק, אַן עם קשה־עורף, און אַז מיר וועלען גיין צוריק אַהיים איז דעם שטענדיגען פּראָצעס פֿון שיבת ציון, אונטער אַלע אומשטענדען, אַלע אונזערע שונאים אויף־צו־להכעיס.

איז חיפֿה שטאָלץ מיט דער שיף, און דאָס גאַנצע פֿאָלק און לאַנד האַלט עס פֿאַר אַ יקר־המציאות, אַלס אַ סימבאָל פֿון אונזער דראַנג צו פֿרייהייט און היים. ווי שלמה זאָגט וועגען אידישען פֿאָלק: „ימים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה ונהרות לא ישטפוה״ — פֿיל וואַסערן וועלען ניט קענען אויסלעשען די ליבע פֿון פֿאָלק צו לאַנד און טייכען וועלען זי ניט פֿאַרשווענקען.

## ד״ר בני ברק׳ער פּאָסט־טרעגער לערנט משניות אויף אויסווייניג

אייגנאַרטיג איז בני־ברק, ישראל׳ס תורה־אימפּעריע און גרעסטער פּאַליש, ניט בלויז מיט איר עכט־רעליגיעזער אַטמאָספער, פיל ישיבות און בתי־מדרשים, היים און גאַס, למדן און איד פון אַ גאַנץ יאָר, נאָר אויך מיט אירע פּקידים, וועלכע זיינען אָנגעשטעלט ביי דער מוניציפּאַליטעט אָדער רעגירונג.

אַזאַ אויסטערלישער טיפּ איד איז דער בני־ברק׳ער פּאָסט־טרעגער. דאָס פּנים, איינגעפאַסט אין באָרד און פּאות, איז געלייטזעליגט מיט דעם ליכט פון תורה, און די אויגען פינקלען מיט קינדערשער מילדקייט.

אויסערליך איז ער אַ געוויינליכער אָנגעשטעלטער, אָנגעטאָן אין אַ רעגירונג־אוניפאָרם, און זיין רענצל מיט בריוו איבער די אַקסלען ווייזט שוין אָן אויף דער פונקציע, אינערליך איז ער אָבער בן־תורה, אַ למדן און אַ מתמיד. ער האָט אויף זיך גענומען צו לערנען משניות אויף אויסווייניג, און כדי ניט צו בטל׳ען קיין צייט, חזר׳ט ער אויפ׳ן קול איין משנה נאָך דער אַנדערער. צווישען איין הויז און דעם צווייטן, צווישען איין בריוו און דעם צווייטען, שיטען זיך פון זיין מויל הייליגע פּסוקים און מאמרים. אַן אמת׳ע „תורה שבעל־פּה״.

ער איז מקיים דעם כלל „בכל דרכיך דעהו״. ביי אים ווערט דורכגעפירט אַ שיעור אונטערוועגנס, אַ קביעות אין לערנען מיט זיך אַליין, און זיין זכרון דינט אים זעהר גוט. ער פאַרגעסט ניט קיין וואָרט, ער פאַרלירט ניט קיין אות.

אין דער אַלטער היים איז ער געווען פון די בעסטע בחורים, פון די סאַמע וואויל־לערנערס. דאָ אין לאַנד האָט מען זיך געמוזט נעמען צו פּרנסה, אָבער ער האָט בישט פאַרנאַכלעסיגט דאָס לערנען.

הערען מיר אָפט וועגען פאַרשיידענע געוועטען און טורנעים: ווער קען אַ סך גיין, אָדער לויפען דורכ׳ן טאָג, מאַכען די ווייטסטע מאַרשרוטען, דורכשווימען די ווייטסטע שטרעקעס, וואַרפען דעם באָל אויף מרחקים.

דער בני־ברק׳ער פּאָסט־טרעגער האָט זיין אייגענעם ספּאָרט. ער באַווייזט, אַז אַ איד קען אָפּלערנען די גרעסטע צאָל משניות דורכ׳ן טאָג אפילו ביים דערפילען זיינע אַרבעטס־פליכטען, ביים אויסטיילען פּאָסט. זיין וועג איז ניט בלויז אויף דער ערד, נאָר טאַקע אויך... צום הימעל.

## „קרית נוער״ אין ירושלים, אינגסטע קהילה אין דער עלטסטער שטאָט

ווי אַ ליכטיגער פּערל אין אַ קעניגליכער קרוין שפּרייט זיך „קרית נוער״, ישראל׳ס נעסט פון געבענשטער און שעפערישער יוגענט איבער דעם מאַסיווען רוקן פון די הרי יהודה, אין דעם באַרגיגען קאָרידאָר „בית וגן״ פון דוד המלך׳ס קרוין־שטאָט.

טיף איינגעוואָרצעלט אין דער מאַמע־ערד פון ירושלים עיר הקודש, שטרעקט זיך „קרית נוער״ צו די הויכע הימלען. דער באַזוכער פילט, אַז רבה בר בר חנה׳ס אויסטערלישע גוזמא וועגען יענעם מיסטישען פּלאַץ: „היכי דנשקי ארעא ורקיע אהדדי — וואו ערד און הימעל קושען זיך צוזאַמען — איז ניט קיין איבערגעטריבענע פאַנטאַזיע, נאָר אַ לעבעדיגע גאָט־געבענשטע ווירקליכקייט, וואָס איז פאַר אונזערע אויגען און אין אונזער דור מקויים געוואָרען אין „קרית נוער״.

דער וויזיאָנערישער חלום פון אַ „יוגענט שטאָט״ אין ישראל׳ס עיר הבירה איז פאַרוועבט געוואָרען אין האַרץ און מוח פון דעם דינאַמישען אונגאַרישען תורה־עסקן הרב ר׳ שרגא פייוועל מענדלאָוויץ זצ״ל, פאָטער און גרינדער פון דער וועלט־באַרימטער ישיבה און מתיבתא „תורה ודעת״ אין דער ברוקלינער הסיד׳ישער וויליאַמסבורג אין אַמעריקע.

דער הייליגער חלום האָט באַקומען אַ לעבעדיגען לבוש פון אייזען, צעמענט און יונגע אידישע הערצער אין „קרית נוער״ דורך זיין ענערגישען איידעם, הרב אלכסנדר לינטשנער, מיט דער מיטהילף פון דעם פּרעזידענט פון מוסד, באַנקיר און פילאַנטראָפּ איירא גילדין, און דעם פאַרדינסטפולען דירעקטאָר יעקב לעשצינסקי, ווי אויך אַ צאָל אַנדערע תורה־מעצענאַטען און כלל־טוער פון אַמעריקע, ענגלאַנד, ישראל און אַנדערע לענדער.

„קרית נוער״, אויך באַקאַנט אַלס „באָיס טאַון״, איז דער פּיאָנערישער געלונגענער פאַרזוך צו שאַפען אַ יונגע קהילה פון בני תורה־פאַכלייט אויף דעם באָדען פון אונזער ארץ־



די פּראַכטפולע בנינים פון „קרית נוער"



רעליגיעזע יוגענטליכע ביי תורה און מלאכה אין „קרית נוער״,
בית וגן, ירושלים.

אָבות. דאָס איז אַ קאָמבינאַציע פון אַ ישיבה, אַקאַדעמישען אינסטיטוט און אַ נעץ פון פאַך־שולען, וועלכע גרייטען־צו די „בנים בונים״, די פירער און די בויער פון אונזער היימלאַנד. „קרית נוער״ האָט איבערצייגט אונזער פאָלק, אונזער לאַנד און די גאַנצע וועלט, אַז אַ ישיבה־בחור איז ניט קיין בטלן, אַ „לא יוצלח״, ווי מען פלעגט אָפט דענקען וועגען אים, נאָר ער איז אַ גאָט־געבענשטער מענשען־מאַטעריאַל פאַר פּראָדוקטיווער, פאַכמענישער אַרבעט אויף אַלע געביטען פון קוואַליפיצירטער מלאכה.

דער וואונדערבאַרער אַנשטאַלט, אַ יוגענט־מלוכה אין שויס פון מלכות ישראל, אַ מדינה אין אַ מדינה, איז געגרינדעט געוואָרען מיט 16 יאָר צוריק דורך אַ הייפעלע פון 17 תלמידים, און עס ווערט דערוואַרט, אַז בקרוב וועלען 1,000 תלמידים, כן ירבו, אין עלטער פון 14 ביז 23 יאָר, אויספילען די גיגאַנטישע בנינים פון דער אינסטיטוציע. פיל הילף האָט בייגעטראָגן די „אָרט״־אָרגאַניזאַציע. דער אַנשטאַלט איז אַנערקענט פון ישראל׳ס ערציאונג־ און קולטור־מיניסטעריום און איז, אין אַ געוויסער מאָס, אויך אויפ׳ן בודזשעט פון דער מדינה׳ס פינאַנץ־מיניסטעריום.

דער אַנשטאַלט באַשטייט פון אַ צאָל אָפּטיילונגען. בשעת מיין באַזוך דאָרטען האָב איך געזען די באַזונדערע דעפּאַרטמענטס פאַר: סטאָלעריי, טעכנישער אויסבילדונג, עלעקטראָניקס, מעכאַניקס און גראַפישער קונסט, ווי דרוק און פאָטאָ־אָפסעט. עס זיינען דאָרטען פאַראַן די מאָדערנסטע מאַשינען. די דרוקעריי און דער ליטאָגראַפישער דעפּאַרטמענט האָבן שוין אַרויסגעגעבען אין די הונדערטער ביכער, ווערק און ספרים.

אויסער דער ישיבה „מרום ציון״, וואָס איז פון אַ גאָר הויכער לומדישער מדרגה, איז דאָרט אויך פאַראַן אַ לערער־סעמינאַר. די תלמידים קומען פון אַלע עקן וועלט, אַן אמת׳ער קיבוץ גלויות פון איבער 30 לענדער, ספרדים, אשכנזים, ווי אויך פון אַלע ווינקלען פון ארץ ישראל.

„קרית נוער״ האָט אויך געליפערט וואָפּען פאַר דער זעקס־טאָגיגער מלחמה, אַמוניציע פּראָדוצירט אין די וואַרשטאַטען פון אַנשטאַלט. דער לאַרבער־קראַנץ פון נצחון האָט אויך זיין רשימה פון קרבנות אויך 8 יונגע לעבענס פון „קרית נוער״ אין קאַמף פאַר ירושלים.

אויב ישראל גופא איז דער גרויסער חידוש, ווי די גאַנצע וועלט באַטראַכט עס, איז „קרית נוער״ דער פּלאַי־פּלאים פון אונזער פאָלק און לאַנד, אַלס דער יוגענט־אַוואַנגאַרד פון ישראל סבא אין פרידען און אין קריג, אין תורה, אין וויסען און אין דער טאָג־טעגליכערווירקליכקייט פון קיום און בוי, די מזל־ברכה פון „תורה ומלאכה״ אויפ׳ן באָדען פון היימלאַנד.

## ישראל׳ס בת־קול אין דער לופט

אונזער אומשטערבליכער משורר, ר׳ יהודה הלוי, האָט באַצייכענט די לופט פון ארץ ישראל אַלס אַ „גייסטיג לעבען״ — חיי נשמות אויר ארצך. איז טאַקע די לופט פון אונזער הייליג לאַנד דורכגעזאַפּט מיט דעם אָטעם פון דער שכינה. דער קול פון תורה, וואָס גרייכט פון די פילע ישיבות, שאַפט אַ הערליכע סימפאָניע, וועלכע איז אַזוי צוגעפּאַפּט צו אונזער עם הספר.

פאַראַן אָבער אַ ספּעציעלער אַפּאַראַט, וואָס באַנוצט די לופט פון לאַנד פאַר וויכטיגער אויפקלערונג און אינפאָרמאַציע. אָט די איינריכטונג פון „אוירא דארץ ישראל מחכים״, וועלכע שפייזט און פלעגט דעם פאָלקס־באַוואוסטזיין, איז די „קול ישראל״ ראַדיאָ סטאַנציע אין לאַנד. דאָס איז ישראל׳ס בת־קול אין דער לופט.

אין פרידען און אין קריג איז אָט די סטאַנציע דער „וואַכזאַמער אויער״ פון אַלץ און אַלעם, וואָס פּאַסירט אין דער מדינה, און דער געטרייער שליח, וואָס צעטראָגט איבער די לופט־כוואַליעס די נייעס פון טאָג. די וויכטיגקייט פון ראַדיאָ האָט זיך באַזונדערס געפילט אין דער היסטאָרישער „זעקס־טאָגיקער מלחמה״, ווען סאָלדאַטען אויף די פראָנטען און ציווילע אין די היימען און אין די אונטערגרונט־קעלערן האָבען אויף זייערע טראַנזיסטאָרס אויפגעכאַפּט דעם פּולס פון פאָלק און לאַנד אין אָט די גורל׳דיגע שעה׳ן פון געפאַר און מוט, קאַמף און נצחון.

פון גרויסער וויכטיגקייט איז אויך דער ספּעציעלער לופט־פּאָסטן פאַר „קול ציון לגולה״. אָט די וויכטיגע עפענטליכע דינסט־פּאָזיציע האַלט אָן דעם קאָנטאַקט צווישען ישראל און די תפוצות, ברענגט לעבעדיגע גרוסן פון היימלאַנד צום וועלט־אידענטום און אויך אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

דער שרייבער פון די שורות האָט ביי זיין באַזוך געהאַט אַ געלעגענהייט איבערצוגעבען דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם „קול ציון לגולה״ ראַדיאָ־סטאַנציע אַ לעבעדיגען גרוס פון דעם אַמעריקאַנער אידענטום צו די ברידער און שוועסטער אין ישראל.

עס איז געווען אַ נחת־רוח צו געפינען זיך אין דער סטודיע פון דער ראַדיאָ־סטאַנציע אויף דר. טוחו גאַס אין ירושלים, צו געניסען פון דער האַרציגער גאַסטפריינטליכקייט פון דעם ראַדיאָ־פּאַרוואַלטער, פריינט שעדלעצקי, און צו ריידען פון דער אייביגער שטאָט צו אידען איבער׳ן גאַנצען לאַנד.

## דאָס הייליגע שניידערל פון בת ים

ביים ראַנד פון ישראל׳ס שוימיגע ים־וואַסערן שפרייט זיך אַ שיין, פּרעכטיג שטעטל, באַקאַנט אַלס בת ים. ווי אַ רייצענדיגע נימפע, ציט צו בת ים לעביוגגען און טוריסטען פון דער גאַנצער וועלט צו געניסען פון עילם הזה׳דיגען פאַרגעניגען.

גראָד דערנעבען, ווי אין שאַרפען קאָנטראַסט צו דער וואָכעדיגער „פליאַזשע״, געפינט זיך אַ הייליג ווינקעלע, „קרית באָבאָוו״, מיט איר באַרימטער ישיבה, מושב זקנים און אַנדערע וויכטיגע אינסטיטוציעס, די „אַמבאַסאַדע״ פון דער באָבאָווער גזע און „הויף״ אין מדינת ישראל.

און אָט אין דער נעסט פון תורה און חסידות לויט דעם אַמאָליגען היימישען שטייגער, האָט זיך באַזעצט אַן עלטערער איד, אַ בעל מלאכה, אַ יגיע כפיים׳ניק און אַ גרויסער ירא שמים, וועלכער איז באַקאַנט צו די באָבאָווער ישיבה־לייט אין דער גאַנצער געגענט אַלס „דער הייליגער שניידערל״.

דערציילט מיר ר׳ ישראל גערשאָן, אַ חסידישער יונגערמאַן פון ברוקלין, וועמעס זון, מענדעלע, איז פון די תלמידים מיבהקים אין דער באָבאָווער ישיבה, אַ טשיקאַווע מעשה שהי׳, וואָס ער האָט אַליין בייגעוואוינט ביי זיין באַזוך אין קרית באָבאָוו.

ער איז אַוועק מיט זיין זון צום „הייליגען שניידערל״ פאַרריכטען דעם בחור׳לס מלבוש. דאָס שניידערל האָט באַטראַכט דעם בגד, געזען וואָס מען דאַרף דאָרט טאָן און פאַרלאַנגט דערפאַר אַ פינפערל. דערביי האָט ער זיין מענדעלע׳ן געהייסען אונטערשרייבען אַ פאַרפליכטונגס־צעטל אין זיין באַשטעלונגס־ביכעל.

מר. גערשאָן האָט געפרעגט דעם פשט פון דעם אויסטערלישען משא ומתן, און זיך דערוואוסט די פאָלגענדע איינצעלהייטען:

דאָס שניידערל האָט אויף זיך גענומען די מצווה צו פאַרריכטען די בגדים פון ישיבה־בחורים, אָבער ער טוט עס ניט פאַר געלט, נאָר פאַר... עולם הבא.

דאָס פינפערל, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, איז ניט אין דאָלאַרן אָדער אין לירעס, ווי עס קלינגט אויבערפלעכליך, נאָר אין... בלעטער גמרא. ער וויל, אַז מענדעלע, אָדער יעדער אַנדערער בחור, פאַר וועלכען ער טוט אַ שטיקעל אַרבעט, זאָל זיך אונטערשרייבען און מתחייב זיין צו לערנען די פאַרלאַנגטע צאָל בלעטער גמרא פאַר זיין נשמה אויף איבער הונדערט און צוואַנציג יאָר. אַזוי פאַרדינט ער פון זיין נאָדעל־פאָדעם און די צען פינגער אַ חלק אין גאַנץ ש״ס און ער זאַמעלט זיך אָן אַ גייסטיג פאַרמעגען פון תורה, גראָד אַזאַ האָב און גוטס, וואָס מען קען נעמען מיט זיך אין דער אייביגער וועלט.

**אַ בילד פון מאה שערים־קוואַרטאַל אין ירושלים**

## די אַריסטאָקראַטישע פּאַרמערס

מדינת ישראל איז ניט בלויז אַ חידוש מיט איר ווידערגעבורט, מיט איר לעבעדן און שאַפן, פאַנטאַסטישער זעקס־טאָגיגער מלחמה און וואונדערלי־כען נצחון, נאָר אויך מיט איר זעלטענער טאָג־טעגליכקייט. מיר מיינען דאָ אפילו דעם „פויער פון דאָרף", וועלכער איז אַן אַריסטאָקראַט, אַ נאָבעלמאַן.

אַזאַ אַריסטאָקראַטיש פּאָר־פאָלק פון אידיש־דייטשען אָפּשטאַם האָב איך געטראָפן אין באַן אויפ׳ן וועג פון תל־אביב קיין חיפה. עס איז געווען אַ נחת און אַ פרייד צו באַגעגענען די צירליך־מאַנירליכע „יאַהודים" פון בערלינער ווילהעלם־שטראַסע, וועלכע האָבן גערעדט מיט אַזאַ שטאָלץ און ליבע וועגן ישראל, זייער נייעם פאָטערלאַנד.

דאָס מערקווירדיגסטע איז אָבער געווען, ווען איך האָב זיך דערוואוסט פון זייער באַשעפטיגונג אין דייטשלאַנד פאַר דעם לעצטען קריג. זיי זיינען געווען וואוילהאָבענדע געשעפטסלייט פון די „הויכע פענסטער", אָבער דער שטייגענדער אידען־פיינדליכער קורס און די היטלער־איבערקערעניש האָט זיי באַוואויגען צו פאַרלאָזען דאָס „ליבע דייטשלאַנד איבער אַלעס" און עמיגרירען אין ישראל, דאָס אמת׳דיג היימלאַנד.

דאָ, אין דער מדינה פון חידוש און נסים, איז אויך פאָרגעקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין זייער אייגענעם לעבען. די צאַרטע, אויסגעאיידעלטע פינגער פון דער „האַכגעשעצטער דאַמע", וועלכע פלעגען אין בערלין וואַנדערן איבער די קלאַווישען פון אַ פּיאַנאָ, האָבן זיך דאָ פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, פלאַנצונגען און הינער־צוכט. איר מאַן, דער „האַכשטאַפּלער", וועלכער פלעגט פון זיין ווייכן פאָטעל געבען פאַראָרדענונגען צו אָנגעשטעלטע און אַליין אַ האַנט אין קאַלטע וואַסער ניט אַריינגעטאָן, האָט זיך דאָ גענומען צום טראַקטאָר, געאַקערט, געזייט, געשניטען און מיט פרייד גענאָסען פון די פרוכט פון מאַמע־ערד, וועלכע האָט אים רייך באַצאָלט פאַר דעם שווייס און מי פון זיינע מאַזאָליעס.

איך האָב אָנגעקוועלט, ווען דאָס פאָר־פאָלק האָבן מיט שטאָלץ גערעדט און זיך איבערגענומען מיט דער גערעטעניש פון זייערע פעלדער, מיט זייערע זאַפטיגע פאַמידאָרן, פוכקע אויסגעצייטיגטע באַנאַנעס א. א. וו. געווען שווער, זעהר שווער זיך איבערשמעלכען אין אַ ניי לעבען, אָבער זיי האָבן עס באַוויזען. די דאַמע האָט מיט דער אשת־חיל׳דיגקייט פון אַ גרויסער ברי׳ה גערעדט וועגן די יונגע הינדעלאַך, וועלכע האָבן זיך דאָ ניט לאַנג אויסגעפּיקט פון די אייער. אַ נייער דור, געבוירען אין ישראל, אונזערע אייגענע „צאַברעס"...

## אַ חיים און פאַמיליע אין ישראל

ווי דאָס פאָלק און לאַנד, אַזוי איז דאָס הויז און די משפחה אין דער אידישער מדינה אַ גאָר באַזונדער חידוש, אַ נייע בריאה, געטריי צו דעם אייגענאַרטיגען קלימאַט פון דעם געלייטזעליגטען לעבען אויף ישראל׳ס ערד.

איך האָב עס געפילט ביי די סטאַלאָוויצקיס אין בני ברק, ביי די לאָס׳עס אין פתח־תקוה, ביי די טוניקס אין תל אביב, ביי די בינה׳ס אין ירושלים, אַ געבענטשטע לויטערקייט האָט זיך צוגאָסען אין מיינע ביינער, ווען איך האָב באַטראַכטען די שוועלען פון אָט די ליבע היימען אין ישראל.

דער האַרציגער „שלום עליכם" וואָרט שוין אויפ׳ן גאַסט ביים שוועל פון דער אָפענער טיר, און דער געגרייטער טיש און ווייכער געלעגער, אַן פּרעטענזיעס, אַן אָנשטעל, נאָר מיט איינפאַכער באַשיידענקייט פון זעלבסטפאַרשטענדליכער האַנדלונג, טראָגט אַנטקעגען דעם גאַסט פולע הויפענס פון הכנסת אורחים. ווי קען דען זיין אַנדערש! עס איז אַזוי נאַטירליך, אַ טייל פון לעבען, פון דער ווירקליכקייט.

די סטאַלאָוויצקיס זיינען אַ גליקליכער זיווג פון פּוילען און אַרגענטינע, וועלכער איז געבענטשט מיט „תוצרת הארצ׳דיגען" פּראַצענט פון חנ׳עוודיגע קינדערלאַך, עכט אידישע משה׳לאַך און שלמה׳לאַך, חיה׳לאַך און דבורה׳לאַך. אַ נחת, אַ שטאָלץ, ממש אַ ברכה צו מאַכען.

צבי איז אַ לעבעדיגער פייערבראַנד פון היטלער־חורבן, אַן איין־און־איינציגער

לעבענס־געבליבענער מיטגליד פון דער גאַנצער משפחה. געבראַכט האָט ער אהער דאָס דאַרע פּעקל ביינער פון דעם פאַרטיליגטען קליינשטעטל, שטויפּץ ביים ניעמאַן, און געגעבען האָט ער זיין מאָגער לייב און לעבען אַ מתנה דער מדינה אין דער באַפרייאונגס־מלחמה פון 1948. האָט אים דאָס לאַנד צוריקגעצאָלט מיט אַ גליקלעכען ווינקעל אונטער דער זון און אַ מלוכה־פּאָסטען, אַלס פּקיד, צו קענען פאַרדינען ערליך זיין חיונה. אין זיין פרייער צייט שרייבט ער זכרונות פון זיין היימשטאָט; געהאָלפען אַרויסגעבען אַ יזכור־בוך. ער רעדט פאַר זיינע לאַנדסלייט אויף עפענטליכע צוזאַמענקונפטען מיט פלאַם־פייער און גרויס טאַלאַנט.

זיין פרוי, אַן אַרגענטינערין, געקומען אַהער פון וואוילטאָג, פון דעם „פעטען טאָפּ פלייש״ צו טיילען מיט איר באַשערטען דעם גורל פון בויער און באַשיצער פון זייער ביידענס אַלט־ניי־לאַנד. געאַרבעט שווער, געשלעפּט דעם יאָך צוזאַמען און זיך דערשלאָגען צו אַ פיינער וואוינונג און ליבער פאַמיליע.

די היים, מעבלירט זעהר איינפאַך מיט דעם סאַמע נויטווענדיגסטען, קליין אין שטח, איז אָבער אַן אָפענער שויס מיט רחבות פון ברייטע גוטע הערצער.

## די ישראלים אין גאַס און הויז

דער איד אין ישראל איז אַ מערקווירדיגער טיפּ, אַ מזל־ברכה׳דיגער צוזאַמענגוס פון אַלט און ניי. די שיינע מידות פון אונזערע אָבות און אמהות פון סאַמע אוראַלטער אין דעם בראשית פון אונזער פאַלקסטום זיינען פאַראייניגט מיט דעם שטאָלץ און ווירדע פון אַ יונגער אומה אויף איר אייגענעם באָדען אונטער פרייע הימלען.

געזען האָב איך זיי, מאַן און פרוי, קינד און קייט, אין די גאַסען און אין די היימען, אויף די אויטאָבוסן און אויף די באַנען, ביי דער אַרבעט און אין די קאַפייען.

עס שפּרודעלט מיט געזונטען הומאָר, ווען און וואו איר קומט מיט זיי אין באַרירונג. מען פילט זיך אינדערהיים, פאַמיליענמעסיג, געמיטליך.

איינע פון די מעלות איז די מידה פון העפליכקייט. אויף די וועגען אומעטום זעט מען פלאַקאַטען מיט אויפשריפטען: „אנו אדיבים״ — מיר זיינען העפליך. איך האָב עס דורכגעלעבט, ווען אַ יונגע סאָלדאַטקע האָט מיר אָפּגעטראָטען איר פּלאַץ אויפ׳ן אויטאָבוס, און עס געטאָן ניט מעשה אָנשטעל, נאָר נאַטירליך, פון טיפען האַרצען, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדליכקייט, אַז אַן איינגערער דאַרף זיך אויפשטעלען פאַר אַן עלטערן.

ישראל אָטעמט מיט גאַסט־פריינטליכקייט. איר פילט דעם פּולס פון איין גרויס, וואַרים האַרץ איבער׳ן גאַנצען לאַנד. איך האָב געהאַט אָט די אָנגענעמע דערפאַרונג, ווען אַ ישראלי וועמען איך האָב געטראָפען און בלויז אויסגעטוישט אַ פּאָר ווערטער, פולשטענדיג אומבאַקאַנטער און — פאַרשטייט זיך — ניט קיין קרוב אָדער גואל, האָט מיך איינגעלאַדען אין זיין הויז און צו זיין טיש. געקומען איז עס פון דעם טיפען וואָרצעל פון „דאָס פּינטעלע איד״, וואָס טליעט ווי אַ הייליגער פונק ביי יעדען איינעם, יונג און אַלט. אינטערעסאַנט, אַז עס איז אַ מנהג אין ישראל, אַז יעדער תושב זאָל צו זיך נעמען אַ טוריסט אין הויז אַריין און אים געבען די אַטמאָספער פון אַן עכטער אידישער היים.

די ישראלים זיינען זעהר מקפּיד אויף דעם אידישען כבוד און אויף דעם נאָמען פון דער מדינה. קיינער וועט — אין זייער געגענוואַרט — ניט וואַגען צו באַליידיגען אָדער וויי־טאָן אַ איד, אָדער ריידען לשון הרע אויף פאָלק און לאַנד. עס רירט זיי אָן פערזענליך, ווייל — איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם.

## קלויזניקעס ביי דער אַרבעט

מדינת ישראל איז אַ געבענטשט לאַנד אין אַ סך הינזיכטען, אָבער איינע פון אירע גרעסטע מזל־ברכות איז די פאַראייניגונג פון תורה מיט אַרבעט.

געזען האָב איך זיי, די קלויזניקעס, די ישיבה־בחורים מיט געקרייזעלטע פּאות און די יונגעלייט און עלטערע אידען, פיינע לומדים, מיט פאַטריאַרכאַלישע בערד, פאַרשוויצט און פאַרהאָרעוועט, ביי די וואַרשטאַטען און מאַשינען, ביי מלאכה און אינדוסטריע, אין „יד בנימין״ אַנשטאַלט פון פועלי אגודת ישראל אין „נחל שורק״ דיסטריקט.



ישיבה־לייט ביי די וואַרשטאַטען אין „יד בנימין", פועלי אגודת ישראל ישוב אין דער אידישער מדינה.

עס איז געווען אַ נחת און אַ שטאָלץ אָנצוקוקען, ווי די פלינקע און געניטע פינגער און די פלייסיגע הענט מיט מאַזאָליעס האָבען אויסגעאַרבעט פאַרשיידענע געצייג פון דעם העכסט פרעציזען מין, טיילען צו מאַשינען אינסטאַלאַציעס, פאַרפערטיגט מכשירים און חפצים און שלאָסעריי, סטאָלעריי, א. אַ. וו., געאַרבעט ביי עלעקטראָניקס און אַנדערע ספעציאַליטעטען.

דערציילט האָט מען מיר אין „יד בנימין", אַז די ישיבה־בחורים, די שילער פון דעם עראָנאַוטיק־אינסטיטוט צייכענען זיך אויס מיט זייער פרעציזקייט. די שולע איז אָנערקענט פון דער רעגירונג און דער שטאַב פון ישראל׳ס לופט־פלאָט איז זעהר שטאָלץ אויף די בחורים פון „יד בנימין", וועלכע זיינען העכסט־קוואַליפיצירט און פאַרלעסליך. „ביי אַ גמרא־קאָפ גייען עפעס אויך די הענט גאָר אַנדערש, בעסער, געניטער". זייערע באַשטאַנד־טיילען פאַר דער מדינה׳ס עראָפּלאַנען זיינען פון העכסטען ווערט.

קוועלט דאָס האַרץ, ווען מען זעט עס מיט אייגענע אויגען. עס איז נישט דער אַמאָליגער קלויזניק, דער היימישער לא־יוצלח, דער אויסגעאיידעלטער קעסט־איידעם,

פרומע בעלי מלאכות

אויפ׳ן וועג

צו דער אַרבעט

ביי דער גמרא.

וואָס קען אַ קאַץ אַן עק נישט פאַרבינדען, נאָר דער נייער האַרעפּאַשנער, קאָמפּעטענטער פאַכמאַן פון גאָר הויכען קאַליבער, וועלכער העלפט בויען ישראל ניט נאָר מיט דער שאַרפקייט פון זיין מוח, נאָר אויך מיט דער טויגליכקייט פון זיינע הענט.

אַזעלכע קלויזניקעס ביי דער אַרבעט זעט מען איבער גאַנץ מדינת ישראל, און עס קומט אויפ׳ן זכרון דער מאמר אין „פרקי אָבות״:

„גוט איז תורה מיט מלאכה״.

# דאס וואונדער פון קיבוץ „חפץ חיים"

„זרעי לכב על כל מים" — איז אין מדינת ישראל ניט קיין טרוקענער פסוק און אויסגעדראשענע מליצה, נאר טאקע א לעבעדיגע טאג־טעגליכע ווירקליכקייט אט דער אויסטערלישער פאה פון „פלאנצען אויף'ן וואסער" פאסירט ספעציעל אין קיבוץ חפץ חיים. די שכונה פון „פועלי אגודת ישראל", אין דיסטריקט פון נחל שורק, וואו עס לעבט און זידקט א מדינה אין א מדינה, א תורה־אימפעריע אויף'ן באדען פון היימלאנד. וואו „ערד און הימעל קושען זיך צוזאמען".

אט די באזונדערע המצאה פון „וואסער־פארמעריי" געפינט איר פילען, גוצליכען און ווירקזאמען אייכדריק, אין א שמיטה־יאר, ווען על פי דין איז פארבאטען צו זייען אויף ערד, וועלכע איז אויך געבאטען צו היטען איר „שבת" יעדען „זיבעטען" יאר.

איך בין געווען געפלעפט אנצוקוקען די זאפטיגע טאמאטען, גרויס און פול, וועלכע האבען ארויסגעהויבען זייערע קיילעכדיגע, פוכקע גופים איבער דעם וואסער־באסעין, רייצענדיג דאס אויג און מאכענדיג רינען דעם שויב פון מויל מיט זייער קאליר און טעם.

מיין באגלייטער, דער חשוב'ער קיבוץ־פירער, ר' יששכר גרייזמאן, אן ארטאדאקסישער חלוץ מיט דעם העלדישען רעקארד און הויכען ראנג פון קאפיטאן אין דער מלחמת־השחרור און געניטסקייט פון אן אגראנאם און ערד־ארבעט און פיהצוכט, האט מיט מיר געלערנט די לעבעדיגע פרשה פון הלכות שמיטה, ווי זי ווערט דא אפגעהיט:

„פארשטייט איר מיר — האט מיט מיר איינגעקנעלט ר' יששכר — מיר, די „פועלי אגודת ישראל" שטייען אויף'ן שטאנדפונקט פון קאמפראמיסלאזיגקייט אין אפהיטען שמיטה. תלמידים און יורשים פון דער שיטה פון הייליגען „חזון איש" זצ"ל, נוצען מיר ניט דעם היתר פון שטר מכירה. מיר זוכען ניט די קולא פון „על פי הדחק". נאר מיר פירען עס דורך מיט דער גאנצער הארבקייט, בפועל ממש. ווען איר דאך פרעגען: „ואם תאמר מה נאכל?" — עס איז דאך ניט א טאג, א וואך, א חודש, נאר א קיילעכדיגער יאר, איז דער תירוץ. מיר ווייסען פון א המצאה און מיר ניצען עס, און דערביי האבען מיר אונזער לעבענס־ביטעל, כאטש שטארק געמאטערט, אבער דאך אין איינקלאנג מיט דער הלכה

„ווי אזוי טוט איר עס? — האב איך געפרעגט.

„סא, הערט זשע און שטוינט — האט מיר ר' יששכר געענטפערט. געוויסע פרוכטען און צמחים, ווי טאמאטאס און בלומען קענען וואקסען אויף'ן וואסער. מיר פילען אן דעם באסיין מיט וואסער, וואס אנטהאלט די נייטיגע כעמיקאלען. איבער דעם וואסער לייגען מיר געהאקטע שטיינדלעך „חצץ", און צווישען די שטיינדלעך פלאנצען מיר די צמחים. וועלכע לאזען זייערע ווארצלען אין וואסער און געניסן פון דעם שטאנדהאפטען שוץ און מאסיוקייט פון די שטיינדלעך. אין געוויסע פאלען ניצען מיר שטריי. אנשטאט שטיינדלעך דאס הייסט „גידולי מים" און „גידולי קש", „הידרא־פאניקס".

„ווער פירט דורך די מערקווירדיגע מעטאדען? — האב איך געפרעגט.

„מיר האבען א ספעציעלען אגראנאמישען פארש־אינסטיטוט, וואו אט די המצאות ווערען עקספערימענטירט און שטודירט. דער אינסטיטוט איז אונטער דער אויפזיכט פון אונזער רב פון קיבוץ, דר. קלמן כהנא. א גאון בתורה, א גרויסער היסטאריקער, דערביי א מחבר פון וויכטיגע ספרים, ספעציעל וועגען עניני שמיטה. און היינט־צו־טאג איז ער אויך א פראמינענטע פאליטישע פיגור. א חבר הכנסת און דער סגן שר החינוך, אויסער זיין פירענדער ראל, אלס פרעזידענט פון דער באוועגונג.

איך בין נשתומם געווארען פון זעלטענער ענטדעקונג. איך האב זיך געקוויקט מיט דער דופט פון דער פרישער וואסער בוים און מחיה געווען מיט דעם טעם גן עדן פון דער וואסער־טאמאטא.

האב איך ביי זיך געטראכט: וואסער ברכה וואלט מען געדארפט מאכען? די מסדרי הברכות איז נאר ניט איינגעפאלען וועגען איינע „גידולי מים", און זיי האבען כלליו באצייכענט א שבח יהודי צו השם יתברך פאר די פרי הארץ, פרי האדמה, פרי העץ.

אין מיר איינגעפאלען: אפשר נאר די ברכה פון „עושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו". א לויב צו גאט. וואס טוט גרויסע וואונדער וויל — „מה גדלו מעשיך ה', מאד עמקו מחשבותיך" — ווי גרויס זיינען דיינע וואונדער, אוה, גאט, וויער טיף דיינע מחשבות.



פלאַנצונגען אויפ׳ן וואַסער „גידולי מים״ אין קיבוץ חפץ חיים
אין אַ שמיטה יאָר.

פלאַנצונגען אויפ׳ן וואַסער צווישן שטרוי, „גידולי קש״ אין זעלבן פלאַץ.

# די אויטאָמאַטישע שבת'דיגע מילך־צאַפּערס

די תורה ווייסט צו דערציילען פון אינטערעסאַנטע עפּיזאָדען אין דער ווייטער אַלטערטימליכקייט וועגען „בהמתן של צדיקים", וועלכע פלעגען נישט געשטרויכעלט ווערען אין אַן עבירה און דורך זיי פלעגט נישט קומען קיין תקלה. אַזוי האָבען אברהם אבינו'ס קעמלען נישט אנגערירט קיין גראָז אויף אַ פרעמד פעלד; דער אייזעל פון פנחס בן יאיר איז געווען אָפּגעהיט נישט צו עסען קיין „טבל" (נישט גע'מעשר'טע תבואה); די בהמה פון ר' יוחנן בן תורתה, אין גוי'שען באַזיץ האָט זיך איינגעשפאַרט און נישט געוואָלט גיין אין יאָך אום שבת א. אַ. וו.

מען דאַרף אָבער נישט אָנקומען צו אגדתא אָדער מאמרי חז"ל וועגען דעם ענין און זוכען ראיות פון קדמונים. אין דער הייגטיגער מדינת ישראל אין „קיבוץ חפץ חיים" פון די „פועלי אגודת ישראל" איז עס אַ נאָרמאַלע ווירקליכקייט.

מעלקען בהמות אום שבת איז אסור מן התורה. עס איז אָבער אַ פּראָבלעם מיט „צער בעלי חיים", וואָס די בהמה ליידט פון דעם איבערפליס פון מילך אין איר קערפּער. אין אַזאַ פאַל איז פאַראַן אַ היתר, אָבער די מילך טאָר מען נישט נוצען, אויב נאָר עס קומט בידי אדם דורך חלול שבת.



אַ חבר

פון קיבוץ חפץ חיים

שפייזט די בהמות.

די אינסטאַלאַציע פון די שבת־זייגערס און די אויטאָמאַטישע מילך־צאַפּערס איז דורכגעפירט געוואָרען אויף דער אָנווייזונג און מיט דער צושטימונג פון דעם אומפאַרגעס־ליכען גאון בעל „חזון איש" זצ"ל. די בהמה ווערט אָנטאַקטעט פון דעם קוועליגען שטראָם פון מילך, און דער ארץ ישראל'דיגער איד געניסט פון אָט דעם נאַרהאַפטען געטראַנק בהיתר גמור. דערביי גיט עס דעם „קיבוץ" אַ פונדאַמענטאַלען מקור פון חיונה.

מיין באַגלייטער ביים באַזוך אין קיבוץ, ד׳ יששכר גרייזמאַן האָט מיר באַוויזען, ווי די שמירת־שבת מעטאָדע אַרבעט און איך בין אַרויס פון התפעלות זעענדיג די גענייאַלע דערפינדערישקייט פון אידישען מוח אין די מאָדערנע צייט אָפּצוהיטען שבת בתכלית ההידור.



אויטאָמאַטישע שבת'דיגע מילך־צאַפּערס.

האָב איך ביי זיך געטראַכט: וואויל איז נישט בלויז דעם אידען, נאָר **אפילו דעם** בעל חי, די בהמה, אין ארץ ישראל — אַ גאולה פאַרביידען:

„אדם ובהמה תושיע ד'!"

## **סאָלדאַטען ביי דער גמרא**

קנוילען זאַמד האָבען זיך געווירבעלט פון אונטער די רעדער פון אויטאָמאָביל אין דעם הייסען ישראל־ווינט, ווען מיר האָבען דערגרייכט דעם קיבוץ „שלעבים", דעם סאַמע ווייטסטען פונקט שוין ממש אויפ'ן גרענעץ פון ישראל און ירדן. פון איבער אַ נאַקעטען פעלז אויף אַ בערגעל שטאַרצט אַרויס צו אונז אַ שוואַרצער אויפשריפט אויף אַ גרענעץ טאָוועל: „עצור, גבול לפניך" (שטעל זיך; די גרענעץ איז פאַר דיר!), אַ האַרבע וואָרענונג נישט צו רירען זיך אַ טראָט ווייטער. אונטען אין טאָל ליגט אַ שטרעקע פון „קיינעמ'ס לאַנד", און באַלד דערביי די טעריטאָריע פון דער אַראַבישער מלוכה פון ירדן.

דער מחבר, אהרן חייט, מיט זיין וועג־ווייזער ישׂשכר גרייזמאַן, פון „קיבוץ חפץ חיים" ביי דער ירדן־גרענעץ.

אַהער האָבען זיך פאַרקליבען בראַווע חברה פון „פועלי אגודת ישראל” און אַט דוקא אין דעם געפערליכען פונקט, פון וואַנען די אַראַבישע „על פאַטאַח” אַריינדרינגער לויערן אין די נעכט אויף דער מדינה און ישוב, האָבען זיי געוואַגט צו פאַרלייגען אַ נעסט פאַר אידיש לעבען אויף די יסודות פון תורה און אַרבעט, שטעלענדיג אין קאָן זייער קיום יעדע מינוט פון מעת־לעת.

ישיבת שעלבים וקבוצת שעלבים

בחורים ביים לערנען אין „ישיבת שלעבים”.

דער קיבוץ האָט אָבער באַוויזען נאָך אַ גרויס וואונדער: פונקט דאָ האָט זיך געשאַפן אַ ישיבה אונטער דער געראָטענער פירערשאַפט פון דעם יונגען, ענערגישען הרב מאיר שלעזינגער, געראָטענעם זון פון ישראל׳ס באַרימטען מעדיצינער און פרינץ פון דער אידיש־דייטשער אָרטאָדאָקסיע, דר. שלעזינגער. אַהער האָבען זיך געצויגען בחורים און יונגעלייט פון איבער דער גאַנצער מדינה און אויך פון אויסלאַנד, וועלכע האָבען פאַרלאָזען היים און וואוילטאָג און געקומען דאָ לערנען אונטער די געפערליכסטע אומשטענדען.

ישיבה־בחורים אין מיליטערישער אויסשטאַטונג

אָבער נאָך אַ חידוש האָט דאָ פּאַסירט. דאָס איז אַ „סאָלדאַטסקע ישיבה״, וואו די תלמידים זיינען אויך מיליטער־פליכטיג דערמיט, וואָס אויף זיי ליגט דער חוב צו באַשיצען די גרעניץ. זיי זענען טאַקע באַפרייט פון אַקטיווער מיליטער־דינסט דערפאַר, וואָס זיי דערפילען זייער פליכט אַלס גרעניץ־וואַך, איינע פון די וויכטיגסטע פונקציעס אין מדינת ישראל.

אונטער דעם ישיבה-בנין, אונטער די ספרים־שראַנקען, וואו די טאַן־געבער זענען אביי ורבא און די אַנדערע חכמי התלמוד, געפינט זיך אַ קעלער, אַ „שעלטער״, מיט אַ וואָפען־אַרסענאַל. די תלמידים זענען געניט אין באַנוץ פון געווער, און ווען דער מאָמענט קומט־און דאָס געבאָט רופט, זענען די ישיבה־לייט, די סאָלדאַטען פון דער גמרא, באַלד גרייט צו ענטפערן אויף אַן אָנגריף מיט ביקס און קאַנאָן, מיט גראַנאַט און מיט באַגנעט.

ווען די שורות ווערען געדרוקט, איז ישראל, פאָלק און לאַנד, פאַרוואַנדעלט אין אַן אַרמיי קעמפּ און מחנה פון סאָלדאַטען, גרייט צו באַגעגענען די אַראַבישע געפאַר, און אַט אַזעלכע סאָלדאַטסקע ישיבות אין „שלעבים״, אין „מודיעין״ א. אַ. וו. זענען טאַקע די פּאַר־פּאָסטענס פון ישראל׳ס שוץ די אמת׳ע „חלוצים לפני ד׳״, אַ נייע אויפלאַגע פון אַן אַלטען באַגריף, ווי אַמאָל אין די צייטען פון דעראָבערונג און שוץ פון לאַנד כנען

געבענשט זאָלען זיי זיין, די גבורי החיל, די גמרא־העלדען, צווישען די אַלע אַנדערע **באַשטאַנד־טיילען פון דער ישראל־אַרמיי!**



אַ סאָלדאַט באַוואַכט די שאָף אין „קיבוץ שלעבים״

## דער קיבוץ פון „אחדות העבודה״ אין עמק יזרעאל

האָפּערדיג, רחבות׳דיג שפּרייט זיך ביים ראַנד פון גרינעם שליאַך אויפ׳ן וועג פון חיפה איבער עמק יזרעאל דאָס וואונדערווערק פון העגט מיט מאָזאָליעס, דער גרויסער, שיינער קיבוץ גבת, געהילט אין שאָטענס פון געדיכטעביימער און געצערטעלט דורך די זאַנגען פון די דערבייאיגע פעלדער, וואָס וויגען זיך אין מילדען ווינ׳טעל.

אויסגעוואָקסען איז דער קיבוץ פון דעם חלוצ׳ישען שוויס און מי פון אויסגעקי־כעלטע באַלעבאַטישע קינדער פון דער אַלטער היים, וועלכע האָבען פאַרלאָזען טאַטע־מאַמע, הויז און וואוילטאָג, און געקומען אַהער זיך איינצובייסען מיט ציין און נעגעל אין דעם האַרטנעקיגען באָדען.

אויסגעגאָסען ליגט דער חן פון אידישער דערוואַכונג אויף אָט די הייזער, פעלדער, וועלדער, שטאַלען, הינער־שטייגען, פאַבריק פון פלאַסטישע רערען, איבער דעם גרויסען שטח איבער דער לענג און ברייט פון גבת.

פירט מיך אַרום מיין גאַסט־געבער, איינער פון די פיאָנערן פון קיבוץ, חיים כהן, אַ געוועזענער פינסקער בחור, איבער דער בליענדיגער שטרעקע, און דערציילט מיר פון די נסים פון אידישער אַרבעט בייטאָג און וואַך און שוץ ביינאַכט, וואָס האַלט אויף ביים לעבען דעם האָרעפּאַשנעם עולם אין „גבת״. ער רעדט מיט שטאָלץ וועגען די גרויסע דערגרייכונגען, טראָץ אַלע שטרויכלונגען און שוועריגקייטען.

„וואָס זיינען די יסודות פון אייער לעבען?״ — פרעג איך דעם אידעאַליסטישען חיים כהן.

די מזל־ברכה פון אַ רייכען תבואה־שניט אין אַ ישראל־קיבוץ.

„מיר גלויבען אין אַרבעט און יושר, גלייכהייט און פרייהייט פאַר אַלע. מיר זיינען געטריי אונזער פאָלק און מיר זיינען פאַרליבט אין אונזער לאַנד. אונזער ביסען ברויט איז כשר, ערליך. מיר ווייסען נישט פון עקספּלואַטאַציע אָדער שווינדעל. ביי אונז איז אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע. ישעיהו הנביא׳ס נבואה פון פרידען און סאָציאַלער גערעכטיגקייט איז ביי אונז נישט קיין שיינע מליצה, נאָר אַ לעבעדיגע ווירקליכקייט״

„ווי איז אייער באַציאונג צו דעם עלטערן דור, צו אייערע טאַטע־מאַמע״ ?

„מיר האָבען פאַר זיי גרויס רעספּעקט. דאָ אויפ׳ן פּלאַץ איז פאַראַן אַ ספּעציעלע כשר׳ע קיך פאַר זיי און אַפילו אַ שוהל צום דאַווענען. מיר גייען זיך אונזער וועג, אָבער טאַטע־מאַמע לעבען זיך אויס אויף זייער אַרט און שטייגער״.

דערציילט מיר חיים׳ס פרוי, די מלומדת, ברכה, אַז זי באַזוכט דעם אוניווערזיטעט אין חיפה, לערנט אַליין און אונטעריכט אין אַ שולע, קומט אַהיים אויף שבתים און ימים טובים, טיילט איר לעבען און היים צווישען די לעקציע־זאַלען און ביבליאָטעקען אין חיפה און צווישען דער קיך און די אַרבעטס־פּראָגראַמען אין קיבוץ. איין מאָל אַ מאָנאַט קומט איר אויס צו וואַשען דאָס געפעס פון גאַנצען עולם אין קיבוץ און זי טוט עס מיט חשק און שטאָלץ. זייער זון, נעמן, אַ „סאַבראַ״, פּאָלעמיזירט וועגען „מערך״ און פּאָליטיק פון לאַנד.

טראַכט איך אָט וועגען דער גראַציעזער, הויך־געבילדעטער טאָכטער פון רבנ׳ישען יחוס אין היימישן קליינשטעטל, וועלכע איז שטאָלץ מיט שווערע הויז־אַרבעט, און וועמעס אויסגעאיידעלטע פינגער, וועלכע מישען בלעטער פון טיפע ביכער אָדער שרייבען די קולטור פון פאָלק און לאַנד אויף טאַפּלעס פון שולעס פאַר קינדער, ווערען דאָך נישט מיד צו שייערן און וואַשען געשיר פון אַ גאַנצען קיבוץ. איז עס דען נישט אַ געבענטשטע מזל־ברכה ?

און ווען איך לייג, אין דעם אויפגאַנג פון ארץ ישראל׳דיגען באַגינען, מיין טלית

אַ חלוצישער „האָראַ־טאַנץ" אין אַ קיבוץ.

און תפילין אין דער קליינער אָבער געמיטליכער דירה פון די כהנ׳ס, פיל איך, אַז אונטער מיינע רצועות און ציצית הילט זיך אַ העלדישע אידיליע פון „ישראל על אדמתו" דאַוועגט־מיט גרויס כוונה און די ביימער און בלומען זאָגען נאָך „אמן" און לויבען דעם באַשעפער אין זייער שפּראַך פאַר „דעם גוטען לאַנד, וואָס ער האָט אונז געגעבען".

## דער מאַראָקאַנער טעקסי־טרייבער

אין מדינת ישראל איז מיר געווען באַשערט זיך נאָענטער צו באַקענען מיט אונזערע שוואַרצהויטיגע מאַראָקאַנער ברידער גראַד דורך אַ זעהר סימפּאַטישען טעקסי־טרייבער, וועלכער האָט מיך געפירט פון תל אביב דעם גאַנצען געשלענגעלטען, פעלזיגען וועג ביז צפת און מירון.

חיים ורפני, אַן אַטלעטיש־געבויטער יונגערמאַן, אָפּגעברענט פון דער קאַסאַבלאַנקער זון איבער די צפון־אַפריקאַנער הימלען, באַרימט זיך פאַר מיר מיט זיינע וואונדען פון אַראַבישע קוילען און מעסער־שטעך, וועלכע ער האָט באַקומען אין ישראל׳ס באַפרייאונגס־קריג אין 1948. די נאָך גאַנץ־גוט קענטיגע אָדער־פעדים איבער די לעכער און שניטען אויף זיין לייב ריידען צו מיר דייטליכער, ווי אַ מלחמה־מעדאַל. זיין יונגער קערפּער און פלאַמיגער גייסט זיינען עס געווען אונזער שוץ־וואַנט געגען די אַראַבישע שונאים.

דערביי ווער איך אויך גערירט פון זיין קינדישער תמימות, גרויסער אהבת ישראל און משיח׳ישע וויזיעס, וועלכע זיינען איינגעפלאַנצט געוואָרען אין זיין נשמה דורך גע־

רודפ׳טע, אָבער געטרייע, מוטיג־שטאָלצע אידישע עלטערן אונטער׳ן קנאַפּעל פון די מאַראָקאַנער אונטערדריקער. אויף די אָדלער־פליגלען פון ישראל־דזשעטס איז ער געקומען פון גלות אין דער ארץ הקדושה צו אָנהויבען אַ ניי, פריי און ליכטיג לעבען.

דערציילט מיר חיים, ווי ער האָט מיט מאַלאַטאָוו־קאָקטעילס, שטיינער־אָנגעפילטע פּעסער און פּרימיטיווע קוילען־וואַרפּערס אָפּגעשראָקען און פאַרטריבען מחנות אַראַבער. „פון הימעל האָט מען אונז געהאָלפען מלחמה האַלטען" — טענה׳ט מיט מיר חיים — „איר האָט געדאַרפט זען דעם נס: מיט אַ פּאָר פאַרראָסטעטע ביקסען האָבען מיר זיי געגעבען פּולווער צו שמעקען, די פּחדנים, און איצט איז דאָס לאַנד מיינס און דיינס, אונזער אַלעמענס, אחינו בני ישראל, אָן אונטערשייד פון הויט־קאָליר, פון זייטען, פון סביבה".

„הייליג זיינען די צדיקים פון צפת" — זאָגט מיר חיים. זיי ברענגען רפואה, ליפּשע לעבען. איך פריי זיך וואָס מיר פאָרען אַהין צוזאַמען. זייער זכות זאָל אונז ביישטיין!"

אויפ׳ן וועג צוריק באַמערק איך, ווי מיין שוואַרצהויטיגער טעקסי־טרייבער שטעלט זיך אָפּ אין מיטען וועג, נעמט אַריין אַ אידישע פרוי מיט אַ קינד אין אַ וויג־מולטערל, וואָס וואַרט ביים שאָסעי אויף פריינדליכע פאַרבייפאָרער, און גיט דעם עופה׳לע אַ צוקערל צום נאָגען.

„זעהר שיין — זאָג איך — איר נעמט אויף אַ פרעמדע פרוי און קינד"!

„וואָס פרעמד, ווער פרעמד" — בייזערט זיך חיים — „מיר זיינען דאָך אידען און איך בין דאָך אויך אַ מאַן און אַ פאָטער פון אַ פאַמיליע, וועלכע וואַרט אויף מיר אין הויז. מיר זיינען דאָך אַלע איין משפּחה".

פיר איך דורך אין געדאַנק אַ פּאַראַלעל: ביי אונז אין אַמעריקע זיינען דאָך אויך פאַראַן טונקעלהויטיגע שכנים, אָבער וואָסער אונטערשייד: פרעמד, פיינטליך. דאָ — אַלע אידען, ווייס, שוואַרץ, רויט, אָבער דורכגעדרונגען מיט אהבת ישראל אין אידישען היימלאַנד. „וואָס מיר זיינען, זיינען מיר, אָבער אידען זיינען מיר".

דערפיל איך צום שוואַרצהויטיגען מאַראָקאַנער אַזאַ פאַרברידערונג, ווי נאָר אַ איד קאָן עס פאַרמאָגען און איך דערמאָן זיך אין שלמה המלך׳ס ווערטער אין „שיר השירים": „שחורה אני ונאוה" — שוואַרץ בין איך אָבער שיין.

## מיט מיינע שטויבצער לאַנדסלייט

דער קילער תל־אביב׳ער אָווענט האָט געגלעט און געקוויקט מיט זיין פרישקייט, ווען איך בין אין דער באַגלייטונג פון מיין יוגענט־חברה און ליבער לאַנדספרוי, חנה יאיכעל, געפאָרען צום באַשטימטען לאָקאַל זיך צו באַגעגענען און אויפצוטרעטען פאַר מיינע שטויבצער בני־עיר.

אַ הערליכע פּאַנאָראַמע האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיינע אויגען, ווען איך האָב איבערגעטראָטען דעם שוועל פון לאָקאַל. עס האָט אַ פלייץ געטאָן מיט היימישער וואַרעמקייט פון מיין אַמאָליגער קינדהייט און יוגענט אין דעם איצט חרוב׳ען קליינשטעטעל, שטויבץ, ביים קריסטאַל־לויטערן ניעמאַן אין ווייס־רוסיש פּוילען. איך האָב דערזען און זיך געטוליעט, געהאַלזט או געקושט מיט מיינע בני־עיר, די „נסים־אידען" און „אודים המוצלים מאש" פון גרויסען היטלער־חורבן, די רעשטלעך פון „אחד מעיר ושנים ממשפּחה", וועלכע האָבען זיך דערשלאָגען צו די ברעגען פון דער אידישער מדינה, און מיט וועמען איך האָב זיך שוין באַלד 30 יאָר נישט געזען.

געקומען זענען זיי פון די „סיניאָווער" וועלדער און „נאַליבאַקער פּושטשעס" אַרום שטעטעל, פון דער פּאַרטיזאַנקע, פון דער געטאָ און די בונקערס, פון די קאַצעטען און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פון די קאַלכאָויוועס פון אוישוויץ און מאַידאַנעק און פון די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע, פון דעם גרויזאַמען קנויל פון „דם ואש ותמרות עשן; געצויגען האָבען זיך אַהער מיט דער „בריחה", געשמוגעלט גרענעצען, געשוואַרצט ימים צו דערגרייכען די ברעגען פון היימלאַנד און אָנצוהויבען דאָ אַ ניי און פריי לעבען אונטער אייגענע הימלען.

און עס זענען צווישען זיי אויך געווען רעפּאַטריאַנטען פון רוסלאַנד, וועלכע זענען

אַהין פאַרשיקט געוואָרען צו אַרבעטען עבודת פרך, שניידען קלעצער און אָנלאָדען וואַגאָנען אין די ״סיביר׳ער טאָיגעס״ פאַר דעם וואויל פון ״באטיושקאַ סטאַלינ׳ס גן עדן״. טייל זענען געווען אין צענטראַל־אַזיע, ווי אויך אין אוזבעקיסטאַן, דעם ״קאָרב פון סאָוועטיש ברויט״, און גראָד דאָרט געליטען הונגער און נויט.

גרופן־בילדער פון שטויפצער לאַנדסלייט ביי דעם קבלת פנים־פאַר אהרן חייט.

דער פילפּאָוביגער עולם פון אינטעליגענץ און „עמך", אָרטאָדאָקסיש ווי אויך פריי־גײזאָנען, האָט אויך איינגעשלאָסן ארץ־ישראל'דיגע ותיקים, פון די טרוימער און בויער פון לאַנד, קאָלאָניסטען און חלוצים, וועלכע האָבען מיט זייער בלוט פאַרטיידיגט און מיט זייער שוויס באַפּרוכפּערט דעם באָדען פון דעם ארץ אבות.

פאַר'כישוף'ט האָט מיך מיט נאָגענדער נאָסטאַלגיע דער וויכער בליק און די האַרציגע „שלום עליכמ'ס" פון די מאַכטיים, סטאָלאָוויצקי'ס, רייסערס, טוניקס, מילצענזאָנס, בער־קאָוויצעס, סלוטשאַקעס, גערשענאָוויצעס, שאַפּיראָס, אָקונס, בארסוקס, וואָדאָנאסעס, פלאַקסינס און אַ צאָל וועמענס נעמען איך געדענק נישט, אָבער זיי זענען אַלע איינ־געקריצט אין מיין נשמה מיט ליבע און טרייהייט.

גערעדט האָב איך מיט פייער און מיט טרערען צו מיינע געפונענע, יקר־המציאות'דיג־ציטערדיגע ברידער און שוועסטער, יוגענט חברים און פריינט. געוועזן זענען עס נישט ווערטער, נאָר שטיקער הארץ און נשמה, ווי עס פילט אַן אייגענער צו אייגענע. עס האָבען זיך געמישט טיפען, געשטאַלטען, בילדער, עפּיזאָדען, זכרונות, יחוס אבות, מיינער און זייערער, גאַסען, הויפען א. א. וו.. און איבער אַלץ און אַלעס האָט געשוועבט דער הייליגער העלדען און מאַרטירער־גייסט פון:

„שטויפּץ, מיין שטעטעלע שטויפּץ"

„מיין וויגעלע, וואו כ'האָב די זוניגע יאָרען פאַרבראַכט"

געווען איז עס אַ מין סאָרט „ליל שמורים", אַ גרויסע און הייליגע נאַכט.

## מיין טאַטנ'ס ניגון

**איינע פון די רירענדסטע דערינערונגען ביי דער באַגעגעניש מיט מיינע שטויפּצער לאַנדסלייט אין ישראל, וואָס האָט זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון, איז געווען מיין טאַטנ'ס „שמחת תורה'דיגער קדיש", מיט וועלכען זיי האָבען מיך עפענטליך אויפגענומען.**

**דער האַרציגער מאָטיוו, וואָס האָט אָפּגעהילכט פון דעם עמוד אין אונזער חרוב'ען היימ־שטעטעל, אַלס ירושה פון שטויפּצ'ס באַליבטען בעל־תפילה, איז געווען דער סימבאָלישער עכאָ פון אַ חרוב'ער וועלט, וועלכע איז אַוועק אין בלוט, פלאַם און רויך, אָבער איז דאָך פאַרבליבען איינגעוואָרצעלט אין די הערצער און אין דעם געדעכעניש פון פאַרוואָגעלטע זין און טעכטער איבער דער גרויסער גאָרער וועלט.**

**„יתגדל ויתקדש" — אָט די האָפערדיגע טענער פון ר' אברהם דעם מלמד און שליח צבור, ע"ה, דעם רבי'ן פון אַ דור קליינשטעטלדיגער יוגענט, פלעגען פאַרקלינגען די אַלטע שוהל אַ גאַנץ שמחת תורה, ווי אויך יום כפור נאָך נעילה, און די חברה יונגוואַרג פלעגט עס אונטערכאַפּען ספּאָנטאַן, סטיכיש, ווי אַן אימפּראָוויזירטער כאָר, און זיך צעזינגען אויף אַלע כלים.**

**אָט דער זעלבער ניגון האָט זיי באַגלייט אויף די ברייטע שליאַכען פון דער גרויסער און ווייטער וועלט. מיט די טענער האָבען די אַנטלאָפענע „פּריזיוויניקעס" אונטער דעם פּריצישען פּוילישען העזשים זיך געלאָזט אויף פאַלשע פּאַספּאָרטען איבער שטורעמדיגע ימים אין דער ווייטער אַרגענטינע. מיט די זעלבע קלאַנגען זענען אַוואַנטוריסטישע יונגע־לייט אַוועק זוכען מזל און ברויט אין דער פאַרוואָרפענער דרום־אַפריקע, דעם אוצר פון דער וועלט'ס דימענטען און ברילאַנטען.**

**דעם זעלבען ניגון האָבען אונטערגעברומט חברה גוטע־ברידער, וועלכע האָבען זיך געלאָזט נאָך די גאָלדענע גליקען אין קאָלאָמבוס'עס מדינה, וואו דאָלאַרען ליגען אין די גאַסען און איבערנאַכט ווערט מען אַ גרויסער גביר אָדער אַ גרויסער אָרימאַן.**

**פלעגט אָט די נע־וונד'ניקעס אַמאָל ווערען אומהיימלעך אויפ'ן האַרצען און באַנג אויף דער נשמה, האָט מען זיך פאַרזאַמעלט ערגעץ אין אַ קאַפּע פּאָר אַ „לחיים", און עס פלעגט אַ דונער טאָן, פון באַסאָווע העלזער און קולות, אברהם דעם מלמד'ס שטויפּצער „יתגדל", ווי דער סגולה־שפּרוך צו ברידערליכער היימישקייט אויף פרעמדער ערד און אונטער פרעמדע הימלען.**

דער ניגון האָט אויך באַגלייט די אַמאָליגע חלוצים ווי אויך די נישט לאַנג אָריבער־געקומענע מענשליכע סקעלעטען, לעבעדיגע פייערבראַנדען פון דער שארית הפליטה פון דעם לעצטענס דורכגעמאַכטען גרויסען חורבן, וועלכע האָבען זיך דערשלאָגען צו ארץ ישראל. זיי אַלעמען האָט דער היימישער „יתגדל״ געגעבען מוט און כחות אין די שווערסטע צייטען.

אָט מיט דעם ניגון האָט מען צו מיר אויסגעדריקט אַ הארציגען ווילקאָמען, און איך האָב זיך גלייך דערפילט, ווי אין אייגענער צווישען אייגענע.

האָב איך ביי זיך געטראַכט: עס איז אַ זכות פאַר דעם טאַטען אין קבר, וואָס זיין נאָמען און שטימע לעבט אין די קלאַנגען פון אָט דעם מיסטישן, היימישן ניגון.

## חנה די „פקידה״

איך געדענקט זי נאָך פון דער אַלטער היים, דאָס חנ׳עווידיגע פוכקע, זשוואַווע „וואויל־יונגערישע״ מיידעל, אַ מאדים, אַ ברען, וועמעס געלעכטער פלעגט פאַרהילכען דאָס געסעל אין אונזער אַמאָליגען קליינשטעטעל שטויפּץ, און אויף וועמעס גרין־באַוואַקסענעם הויף מיט די הויכע „קוסטעס״ מיר פלעגען פאַרברענגען די ראָמאַנטישע יאָרען פון אונזער ליכטיגער קינדהייט און גימנאַזיאַלער יוגענט.

האָט דער גורל אונז צעשיידט. בין איך אַוועק קיין אַמעריקע, און זי איז פאַרבליבען אין דעם פאַרוואָרפענעם העק ביי דער פּויליש־רוסישער גרעניץ, כדי צו זיין דער טראַגישער קרבן און עדות פון דעם גרויסען חורבן, וואָס איז באַפאַלען מיין היים, ביי׳צואוואוינען די שחיטה פון אירע ליבסטע און נאָענטסטע און דאָך זיך ראַטעווען על פי נס פון דעם קנויל פון „דם ואש ותמרות עשן״, פאַרוואָגעלט ווערען אין רוסלאַנד און פון דאָרט זיך ציען און גרייכען די ברעגען פון מדינת ישראל פאַר אַ ניי און פריי לעבען אונטער אונזערע אייגענע הימלען.

מערקווירדיג זענען די וועגען פון דער השגחה. געטראָפען האָב איך זיך מיט איר ביי מיין באַזוך לעצטען זומער אין מדינת ישראל נאָך אַ משך פון נאָענט צו 30 יאָר, וואָס מיר האָבען זיך נישט געזען. שוין ביידע גרויע קעפּ, ביידע דורכגעלייטערט אין דעם קעסל פון ווייטאָג און יסורים, ביידע שווער־געפּרואווט פון אַ האַרטנעקיגען גורל, אָבער דאָך איז זי פאַרבליבען יוגענטליך, שפּרודעלדיג, לעבענסלוסטיג און פול מיט אַמביציע און האָפענונג.

דערציילט מיר חנה, אַז זי האָט זיך געלאָזט אויף ג־ט׳ס באַראָט אין די ווילדער אין יענע טעג פון היטלער־קאַשמאַר, ווען „די וועלט האָט געברענט״, באָרוועס, אָפּגעריסען, עלענט, אָבער מיט אַ שטאַרקען ווילען איבערצולעבען דעם אומגליק און מיט אַ שטאַרקען גלויבען אין השגחה פּרטית.

פון דער פאַרטיזאַנקע איז זי מגולגל געוואָרען אין טיף־רוסלאַנד, וואו זי האָט דורכ־געמאַכט די אַלע שבעה מדורי גיהנום, געאַרבעט עבודת פּרך, זיך געוואַלגערט אויף דער האַרטער ערד, געגעסען אַ טרוקען שטיקעל ברויט און דאָך געבליבען אונערבראָכען, מוטיג און גלויביג.

אויף די אַלע דערנער וועגען, אין די אַלע נסיונות, איז איר געשטאַנען פאַר די אויגען די פּאַטריאַרכאַלע געשטאַלט פון איר ג־טזעליגען טאַטען, מיט דער הדרת פּנים׳דיגער באָרד און פּיאות, שלמה יוסף דעם שוסטער, אין וועמען עס האָט הפּנים געטליעט אַ פּונק פון ר׳ יוחנן הסנדלר; אָט דער קליינשטעטלדיגער בעל מלאכה און אידעאַלער יגיע־כפּיים׳ניק, וועלכער פלעגט ביים „קאַפּול״ און „דראַטווע״ זאָגען אַ קאַפּיטעל תהלים, וועלכער פלעגט דאַווענען בהשכמה, געבען צדקה מיט אַ פולער האַנט, שטיצען די שטאָטישע תלמוד תורה, און וועמעס לויה איז געווען אַ געזעמעל פון דער גאַנצער שטאָט מיט תלמוד־תורה קינדער, זאָגענדיג אויפ׳ן קול דעם „צדקה לפניו יהלך״ אין מאַרש פאַר׳ן ארון, און מיט הספּדים, ווי נאָך אַ גרויסען תלמיד חכם. זי האָט אים געגעבען „כיבוד אב״ ביים לעבען, ווי אַ געטרייע בת יחידה און געטאָן אים די לעצטע רעכט מיט אַ וואונדערבאַרען כבוד המת. האָט זי געהאָפט, אַז זיין זכות וועט איר ביישטיין אומעטום, און אַזוי איז טאַקע געווען.

חנה, די פקידה (לינקס)

מיט איר חברה

אין דער אַלטער היים.

געקומען איז זי אין ארץ ישראל אַלס רעפּאַטריאַנטקע פון רוסלאַנד, געאַרבעט שווער, געפלאַסטערט איר וועג מיט שאַרפען קאָפּ און ברייטע עלענבויגענס און זיך דערשלאָגען צו דער „סוכנות", וואו זי פאַרנעמט שוין פאַר די לעצטע 16 יאָר אַ בכבוד'יגע שטעלע, אַלס „מנהלת החשבונות", מיט אויפזיכט איבער די טרייבער פון די אויטאָבוסן איבער'ן גאַנצען לאַנד.

זי האָט אויך אַריבערגעבראַכט איר ברודער בענטשע ע"ה, באהאַנדעלט אים זעהר צערטליך, ווי נאָר אַ געטרייע שוועסטער קאָן טאָן, און אים אויך געגעבען אַ בכבוד'יגע אויסריכטונג אין דער אייביגער וועלט.

איצט איז זי אַליין, אָבער איר האַרץ איז מיט'ן גאַנצען פאָלק. איר זכרון איז אין דער טראַדיציע פון דער אַלטער היים, וואו אַלס שלמה יוסף'ס טאָכטער איז זי געבליבען געטריי דער אידישער אמונה, תורה ומצוות, טריי צו ג־ט, פאָלק און לאַנד.

איך האָב געטראַכט, אַז חנה, האָט אין זיך אַ ניצוץ פון די אַמאָליגע חנה'ס פון תנ"ך, חנה אשת אלקנה, חנה ושבעת בני', ערליך, איידעל, גוט, קלוג, צו ג־ט און צו לייט.

אָט דאָס איז אַ טיפּ פון אַ „פקידה" אין מדינת ישראל. אַזוינע טעכטער בויען דאָס אידיש לעבען אין אידישען היימלאַנד, און זי איז איינע פון די אויסדערוויילטע.

„רבות בנות עשו חיל והיא עלתה על כולנה".

## ישראל־אַדוואקאַט — אַ ישיבה'שער עילוי

די אידיש־אַמעריקאַנער פרעסע האָט לעצטענס געבראַכט די סענסאַציאָנעלע נייעס פון מדינת ישראל וועגען דעם פראָצעס פון דער רעגירונג געגען די צוויי באַוואוסטע בענק אין לאַנד, פויכטוואַנגער און עלעראָן, פאַר פינאַנציעלע מיסברויכען, און צווישען די אַדוואָקאַטען פון די אָנגעקלאָגטע דערמאָנט דעם באַרימטען ישראל־אַדוואָקאַט יצחק טוניק, און אפילו ציטירט זיינע געזונטע יורידישע אַרגומענטען אין דעם ענין.

טאַקע מיט דעם אַדוואָקאַט האָב איך זיך געטראָפען ביי מיין באַזוך אין ישראל און הנאה געהאַט צו זען דעם געוועזענעם שטויפּצער עילוי פון דער מירער ישיבה, אַלס איינעם פון ישראל'ס באַגאַבטסטע סניגורים און אויסטייטשער פון דער מדינה'ס געזעץ.

אויסטערליש איז געווען דער וועג פון אָט דעם בלאָנדען בחור פון דער פיינסטער באַלעבאַטישער פאַמיליע אין דעם אַמאָליגען וויים־רוסישען קליינשטעטעל, וועלכער האָט ביי דעם שטענדער און גמרא שוין אויסגעוועבט דעם חלום פון ציון און געפונען אין אַלט־אייביגען „חושן משפט" אַ שליסעל צו די לעגאַלע פראָבלעמען פון דער שפּעטערדיגער יונגער מדינה און אירע בירגער. געבראַכט האָט ער יונג־ישראל, אַלס מתנה, זיין שאַרפען גמרא־קאָפּ, פענאָמענאַלען זכרון, דעם דריי מיט'ן גראָבען פינגער און דעם „פינפטען שולחן ערוך" פון שכל הישר צוזאַמען מיט אַ פלאַמיג האַרץ פאַר פאָלק און לאַנד. געהאָלפען

אַדוואָקאַט יצחק טוניק, ביים מיקראָפאָן, באַגריסט דעם לאַנדסמאַן־גאַסט, אַהרן חייט. ביים הויפּט טיש: רעכטס צו לינקס: געציל רייסער, מרדכי מירסקי, רוסאַק פון דרום־אַפריקע און אהרן חייט.

האָט ער דעם לאַנד נישט בלויז מיט דער בליציגקייט פון זיינע פּיקח׳ישע יורידישע איינפאַלען, נאָר אויך מיט דער פויסט און ביקס פון ישראל׳ס פאַרטיידיגער אין קאַמף פאַר אַ זעלבסטשטענדיגער מדינה.

האָט פון אים טאַקע איצט דאָס פאָלק און לאַנד גרויס נחת, אַן אויסגעצייכנטער אַדוואָקאַט, וואָס פירט דורך פאַרוויקעלטסטע פּראָצעסען נישט בלויז אין לאַנד נאָר אויך אין אויסלאַנד, און וואָס האַלט נאָך אָן דערביי אַ קביעות אין לערנען אַ שיעור אין תלמוד. שאַפּענדיג די גליקליכע סינטעזע פון ר׳ אליי ברוך קאמאי׳ און ר׳ לייזער יהודא פינקעל׳ס ע״ה זצ״ל, תורה און מוסר אין „מיר״, מיט בן גוריונס, שז״ר׳ס און אשכול׳ס תל.אביב.

ר׳ יצחק איז פאַרליבט אין דער מדינה. ער זאָגט, אַז על פּי דין דאַרף אַ איד וואוינען אין ישראל, אין גייט דינגט זיך מיט אַן אַדוואָקאַט. זיין פרוי, מרים, איז אַן „עזר כנגדו״ און זיי האָבען אויסגעהאָדעוועט קינדער, „סאַבראַס״ אין זעלבען גייסט.

עס איז אַ שטאָלץ און נחת־רוח צו זען, הערען און רעדען מיט דעם ישראל־אַדוואָקאַט ביי וועמען אַ „קל וחומר״, אַ „גזרה שוה״ און אַ „היקש״ איז אַ וואָגיגער אַרגומענט אין אַ געפעכט אין געריכט, און ווער עס געווינט פּראָצעסען מיט אַ „מיגו״ און אַנדערע ענליכע מעטאָדען פון לומדישער אַקראָבאַטיק.

אַזאַ יצחק האָט אַמאָל, אין צייט פון חומש, געזייט דאָס לאַנד און געהאַט הצלחה;

אַזאַ יצחק טוט עס אויך היינט.

וואויל איז דעם פאָלק און לאַנד, וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע זין.

## אליהו הנביא'ס הייל

אויפ'ן הר הכרמל ביי דער שטאָט חיפה געפינט זיך אַ היסטאָרישע הייל, באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „מערת אליהו". לויט דער לעגענדע, האָט זיך דאָרט אויסבאַהאַלטען אליהו הנביא פון דעם וויסטען צאָרן פון דעם זינדיגען קעניג אַחאָב און קעניגין איזבל נאָך דעם, ווי ער האָט געוואונען דעם דראַמאַטישען פאַרמעסט מיט די נביאי הבעל און באַוויזען, אַז השם יתברך איז ד ע ר איינציגער גאָט, צו וועמען מען דאַרף דינען (פּיעטרושקאָ'ס אידישע ענציקלאָפּעדיע). לויט אַן אַנדער גירסא אין מס' פסחים, נ"ד איז די מיסטישע הייל געוועזן אין די „נקרת הצור", וואו משה רבנו האָט זיך זיינערצייט פאַרבאָרגען אויף ג־ט'ס באַפעל נאָך דעם מעשה העגל (שמות, תשא, ל"ג, כ"ב).



אליהו הנביא'ס הייל.

אין דער געזעלשאַפט פון הרב חיים טוקאַטשינסקי, ראש ישיבה אין דער „ישיבת הדר הכרמל" און זון פון דעם ירושלימ'ער ראש הישיבה, הרב משה טוקאַטשינסקי, בין איך נאָך אַ לאַנגען מהלך איבער צענדליגער טרעפּ אויפ'ן הויכען באַרג אַריין אין דער טונקעלער הייל, פאַר מיינע אויגען האָט זיך אַנטפּלעקט אַן אויסטערליש און איינדרוקספול בילד. צענדליגער אָרימע, קראַנקע, פאַרקריפּעלטע — מענער, פרויען און קינדער — זיינען דאָ געלעגען אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע און מתפלל געווען צו אליהו הנביא, ער זאָל זיי אויסהיילען פון זייערע מומים. לויט דער קבלה, האָט די הייל אַ מיסטישען כח און סגולה אויפצוריכטען חולאים און בעלי מומים, שטאַרקען שווערע געמיטער, לינדערן פאַרביטערטע הערצער. ווייסען מיר דאָך פון תנ"ך, אַז דער „תשבי", דער באַליבטער נביא און מוכיח, דער טריבון פון די פאָלקסמאַסען, קנאי פאַר השם יתברך און אומפאַרגלייכליכער קעמפער פאַר'ן אמת, איז געווען אַ בעל מופת, געמאַכט נסים און אַליין על פּי נס אַרויף לעבעדיגערהייט אין שטורעם אויף אַ פייערדיגען פערד און ווייטוואָגען אין הימעל, וואו ער לעבט אייביג. דער גלויבען איז פאַרוואָרצעלט אין האַרץ פון פאָלק און אויך היינט איז ער דער סימבאָל פון נסים ונפלאות. ער וועט זיין דער גרויסער מבשר פון ביאת המשיח.

אין אַ ווינקעל האָט מען מיר געוויזן דעם געניויען פּלאַץ, וואו אליהו האָט זיך פאַרבאָרגען, ווי אויך אַן אַלטערטימליכע ספר תורה, וואָס לויט דער לעגענדע ציט זי איר אָפּשטאַם און יחוס מימי אליהו. איך האָב אויך געזען דעם „כסא של אליהו", ווייל לויט דער מסורה איז ער דער „מלאך הברית", וואָס קומט צו יעדען אידישען ברית. איך האָב זיך אויך דערמאָנט אָן דעם „כוס של אליהו", וואָס מיר שטעלען אַוועק פאַר דעם הייליגען נביא ביי אונזערע סדר־טישען, ווען ער קומט אַריין אין הויז אַלס אונזער ליבער גאַסט אין די פּסח־נעכט צו „שפוך חמתך".

דער שמש האָט מיר געגעבען אַ ליכט אָנצוצינדען, אַלס אָנדענק און סגולה, און מיינע ליפּען האָבען פרום געפליסטערט דאָס אַלט־נייע געבעט ייעגען דעם זכות פון אליהו׳ן, וואָס מיר זאָגען צו סליחות:

„מי שענה לאליהו בהר הכרמל הוא יעננו" — ווער עס האָט געענטפערט אליהו׳ן אויף דעם כרמל באַרג אין זיין עת־צרה, זאָל אויך אונז ענטפערן אין אונזערע שווערע און ענגע מאָמענטען.

## דאָס הויז אויףביידע זייטען גרענעץ

דער אומגעלומפּערטער „סטאַטוס קוואָ" ביים איינשטעלען די גרענעצען פון דער אידישער מדינה נאָך דער באַפרייאונגס־מלחמה, האָט געשאַפען אַ סך קאָמפּליקאַציעס, און דערביי אויך קאָמישע דערשייגונגען.

איינע פון די טשיקאַווע רעזולטאַטען פון אַט דער פאַרטיילונג פון לאַנד איז אַ געוויסע ירושלים׳ער הויז, וואָס ליגט אויפ׳ן סאַמע גרעניץ צווישען ישראל און ירדן, און וואו דער „רוב בנין", אַלע צימערן פון דער געביידע, איז אויף דער אידישער זייט, און דער שלאָף־צימער איז אויף דער אראַבישער זייט.

דאָס הויז געהערט צו אַ אידישער פאַמיליע פון אונגאַרן און שטייט אויף אַ באַרג, אין ירושלים, מיט אַ האַפערדיגען בליק פון שלאָפצימער אויף אַ טאָל טיף אַרונטער אויף דער טעריטאָריע פון ירדן. איצט, ווען די פּאָליטישע באַציאונגען צווישען אָט די צוויי שכנים זיינען שטאַרק אָנגעצויגען און פיינטליך, איז דאָס הויז אויף ביידע זייטען גרענעץ איינע פון די מערקווירדיגסטע איראָניעס.

פאַר דעם הויז געפינט זיך אַ קליין קרעמעל, וואו די בעלי בתים פאַרקויפען „סואווע־נירס" צו טוריסטען, וועלכע קומען גראָד אַהער צו אָנקוקען דאָס „בייז וואונדער" פון אַ אום׳יושר׳דיג־צוגעשניטענעם גרענעץ. געוויינליך לאָזט מען קיין פרעמדע מענטשען נישט אַריין אין שלאָף־צימער, אָבער געוויסע טוריסטען שמוגלען דאָך אַריין אַ דריסת הרגל אין אָט יענעם טייל פון הויז, וואו פון אַ פענסטער זעט מען דאָס קעניגרייך פון מלך הוסיין.

די פּאָזיציע פון דעם הויז רופט אַרויס געוויסע געזעצליכע פּראָבלעמען, ווי צום ביישפּיל, צי עס גילט דאָס ישראל שטייער געזעץ אויף לאַנד און איינענטום אין באַצוג צום שלאָפצימער, וואָס איז אַ טייל פון אַ ישראל׳דיג הויז, אָבער געאָגראַפיש געפינט עס זיך אויף דער זייט פון ירדן, אָדער איז עס אפשר אינגאַנצען פריי פון שטייער, ווייל עס שטייט אויף דער הפקר־שטרעקע פון „קיינעמ׳ס לאַנד".

גרויס מוט ווייזען אַרויס די איינוואוינער פון הויז און זיי זיינען טאַקע, ווי די אַמאָליגע „שומרי החומה", די נאַטירליכע גרענעץ־וועכטער פון דער הייליגסטער שטאָט אויף דער וועלט. וואוינען האַרט ביים גרעניץ איז אַ גרויסע ריזיקע, בפרט אויפ׳ן סאַמע גרענעץ. אַ וואונדער טאַקע, ווי קען אַ ישראלי לייגען זיין קאָפּ אויף אַ קישען, ווען זיין בעט איז אויף דער אַראַבישער זייט, אויסגעשטעלט צו דער געפאַר פון „על פאַטאַהס", די „פלעדער־מייז", וועלכע קריכען אַרויס גראָד אין דער פינסטערניש, און וועמעס „טאָג" גייט אויף אין דעם שלייער פון דער „נאַכט".

אין מסכת גיטין, פרק א׳, משנה א׳ רעדט זיך וועגען גרענעץ־טעריטאָריעס ביים ראַנד פון ארץ ישראל און די געזעצען, וואָס זיינען אויף זיי חל. הפנים, אז ר׳ יהודה הנשיא, רבנו הקדוש, דעם מסדר פון משנה, איז גאָר נישט איינגעפאַלען, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט דאַרפען טראַכטען וועגען דינים פאַר איין הויז אויף ביידע זייטען גרענעץ.

## די מקוה פון דעם האר״י הקדוש אין צפת

איינגעהילט אין סודי־סודות פון קבלה, קוקט אַראָפּ די הייליגע שטאָט צפת אויף פּאָלק און לאַנד פון דעם פעלזיגען רוקען פון די הרי כנען, שפּיגעלט זיך אין דעם ים כנרת, וואָס ליגט טיף אונטען, ווי זי וואָלט זיך גע׳טובל׳ט אין אַ קוואַל פון קדושה, און פירט אַריין דעם טוריסט אין העכערע מיסטישע וועלטען.



אַלטערטימליכע בנינים אין צפת.

צפת ווערט דערמאָנט אין תלמוד, ווי אויך אין „יוסיפון" (אַלטערטימליכקייטען פון דעם היסטאָריקער יאָזעפוס פלאַוויוס). זי איז באַזונדער באַרימט מיט איר אויסטערלישער אַרכיטעקטור פון הייזער הויפען און גאַסען וועלכע ליגן איינע איבער די אַנדערע ווי לייטער שטאַפּלען, איינגעפּאַסטע אין דעם רוקען פון די פעלזיגע בערג; מיט איר כסא־הרבנות, וואָס ציט דעם יחוס פון הייליגען „בית יוסף" און „האר"י הק׳", מיט אירע אַלטערטימליכע שוהלען, מיט איר וואונדערליכען מגיד, דעם אלשיך, און משורר ר׳ שלמה אלקבץ, דער פאַרפאַסער פון „לכה דודי" אין אונזערע פרייטאָג־צו־נאַכטיגע תפילות.

צפת, די שטאָט פון די מקובלים, אירע גאַסען הויפען און טיפען.

ספּעציעל אָבער ציט צפת צו יעדען נייגעריגען טוריסט מיט איר היסטאָרישען „בית החיים" וואו גדולי ישראל, גאונים וצדיקים, האָבען געפונען זייער אייביגע רו.

צווישען אָט די תורה־ריזען טיילט זיך אויס גאָר באַזונדער דער „ציון" אויפ׳ן קבר פון דעם האר"י ז"ל, הצדיק ר׳ יצחק בן שלמה אשכנזי לוריא, וואָס האָט זוכה געווען צו זען אליהו הנביא און צו אַן אַנטפּלעקונג פון ר׳ שמעון בן יוחאי, וועלכער האָט אים מגלה געווען די געהיימנישען פון דער הימלישער ישיבה.

אויפ׳ן „ציון" זעט מען אַ סך קוויטלעך פון אידען פון דער גאָרער וועלט, וועלכע קומען דאָ אויסגיסען זייערע שווערע הערצער און אויסבעטען אַ רפואה און ישועה.

ביז גאָר מערקווירדיג איז אָבער די מקוה פון דעם אריז"ל, וואו דער גרויסער צדיק און מקובל פלעגט זיך טובל׳ען און אויף וועלכער ער האָט אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּעל פון זיין קדושה. לויט אַ מסורה, וואָס גייט אַרום צווישען פאָלק, איז אַ איד, וואָס טונקט זיך אָפּ אין דער מקוה בקדושה וטהרה, פאַרזיכערט, אַז ער וועט נישט אַוועק פון דער וועלט אָן אַ הרהור תשובה און דאָס איז אַ גרויס גליק.

צו דער אויסטערלישער מקוה גייט מען אַרויף מיט טרעפּלעך, וועלכע זענען איינגע־פּאַסט אין באַרג. די מקוה געפינט זיך אין אַ קליינעם געמויערטען בנין. זי איז פריש

און אייז־קאַלט. ס׳נעמט אַרום אַ הייליגער ציטער, ווען מען גייט דאָרט אַראָפּ, אָבער מען ווערט באַשטראַלט מיט אַן אינערליכער אויפגעקוועלטער ליכט פון העכסטער דערהויבונג, ווען מען קומט אַרויף.

ביים אַרויפקומען פון דער מקוה האָב איך געטראַכט פון ר׳ עקיבא׳ס פאַרגלייך „מקוה ישראל ד׳״ — דער איבערשטער איז די „מקוה״ פון אידישען פאָלק. אַזוי ווי אַ מקוה רייניגט די טמאים, אַזוי לייטערט אויס דער רבונו של עולם זיינע אידעלעך אין דעם קוואַל פון תורה און געטליכער אייביגקייט.

מיין באַגלייטער האָט מיר צוגעוואונשען: „זאָל אייך זיין צו געזונט, צו מזל און צו סגולה!״

## ביים קבר פון ר׳ שמעון בן יוחאי

באַרג־אַרויף שלענגעלט זיך דער וועג פון צפת צו מירון, קייטעלט זיך איבער שמאָלע שטעגען און קלעטערט צו דעם הייליגען אָרט, וואו עס רוען די ביינער און עס שוועבט די אויסגעלייטערטע נשמה און הימלישער גייסט פון דעם געטליכען תנא, ר׳ שמעון בן יוחאי, זיין זון, ר׳ אליעזר בן שמעון, און אַנדערע גרויסע צדיקים.

דער קבר

פון ר׳ שמעון

בן יוחאי.

פונדערווייטענס מערקט זיך שוין די אויסגערונדיגטע כיפה איבער דעם אוהל פון דעם „שר פון ליכט״, דעם פאַרפאַסער פון „זוהר״, וועלכע הענגט ווי אַ, פון זונענשיין אויסגעהאָפטענע, יאַרמולקע, איבער די צוזאַמענגעשלאָסענע בנינים.

ל״ג בעומר קומען דאָ אידען פון גאַנצען לאַנד און פון אַלע עקען וועלט זיך צו באַטייליגען אין דער הלולא פון ר׳ שמעון בן יוחאי און צינדען ליכט אויף זיין קבר. דער עולם ריכט־אָפּ תפילות, לאָזט זיך אין ריקודים, זינגט תהלות ותשבחות ביים פלאַקער פון שיסעל אויף דעם שפיץ פון אוהל, וואָס גליהט אַוועק מיילענווייז מיט דעם שיין פון אַנגעצונדענע חפצים פון קאָסטבאַרסטען שטאָף. דאָ שערט מען אויך אָפּ די האָר פון די קליינע קינדער לויט דעם מנהג פון „חאלאקאה״, מען לאָזט איבער די פּאות אויף זייערע קעפּ, און מען גיט צדקה אין אָנדענק פון דעם פאַרהייליגטען תנא, וועלכער האָט דעם אידישען פאָלק איבערגעלאָזען אַ ירושה פון ליכט לדור־דורות.

ר׳ שמעון בן יוחאי, איינער פון די תלמידים מובהקים פון דעם גרויסן ר׳ עקיבא, און איינער פון די פאַרנעמסטע גאונים, וועמעס נאָמען עס ווערט דערמאָנט מיט גרויס אויטאָריטעט אין פילע שטעלן פון תלמוד, איז אָבער אויך געווען אַ קנאי, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן גרויס מוט אין זיין קריטיק וועגן דער אייגעדנוץ פון די רוימער, וואָס האָבן געמאַכט מערק, בעדער א. אַ. וו. פאַר זייער אייגענער באַקוועמליכקייט און נישט לטובת הכלל. פאַרפאָלגט פון דער פיינטליכער רעגירונג, האָט ער צוזאַמען מיט זיין זון, ר׳ אליעזר, זיך אויסבאַהאַלטען יאָרענלאַנג אין אַ הייל, און איז ערשט פון דאָרט אַרויס, ווען דער פאַרביסענער אַדרינוס קיסר איז געשטאָרבן. אין דער הייל האָט ער פאַרפאַסט דעם „ספר הזוהר״, און ווען ער איז אַרויס אויף דער פריי, האָט ער מגלה געווען פאַר זיינע תלמידים פיל פאַרהוילענע סודות, איבערגעגעבן דעם „זוהר״, דאָס ווערק פון אייביגען ליכט, און איז אַוועק אין דער אייביגקייט. דאָס האָט פאַסירט ל״ג בעומר און די „הלולא״ ווערט טאָקע אָט דעם טאָג אָפּגעהיט אין מירון, אין ארץ ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט. ער איז אויך געווען אַ גרויסער בעל מופת, און אין זיין צייט האָט זיך נישט געוויזן דער רעגנבויגען, ווייל מיט זיין צדקות האָט ער באַשיצט די וועלט אזוי, אַז מען האָט נישט געדאַרפט אָנקומען צום סימן, וואָס גאָט האָט געגעבן צו נח׳ן, אַלס גאַראַנטיע קעגן אַ צווייטען מבול.

## אַ שווים אין ירדן

דער בריענדיגער „חאַמסין״ האָט געבריענט און געבראָטען די טריט, ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צום ברעג פון ירדן. דער זאַמד האָט געגליהט אונטער די פיס. די היץ איז געווען אומדערטרעגליך און יעדער גליד פון אויסגעמאַטערטען קערפער האָט געלעכצט נאָך אַ פרישען און קילן טראָפּען.

שוין פונדערווייטענס האָט דער רואיגער, דערקוויקענדיגער ירדן אונז געלאָקט מיט זיין קילען וואַסער. איך בין אַריינגעשפּרונגען, זיך אָפּגעטונקט און דערפילט אַ מחיה׳דיגען צושטראָם פון כחות, געוואָרען גענעזענט און ערמונטערט.

איך האָב זיך געפּליעסקעט אין וואַסער, געשטיפט מיט די כוואַליעס און געכאַפּט אַן אָנגענעמען שווים אין ישראל׳ס היסטאָרישען און הייליגען טייך.

אַזוי זעט אויס אונדזער ירדן

און געפילט האָב איך, אַז איך שווים אין חומש, אין תנ״ך, אין געשיכטע.

האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אונזער עלטער־עלטער זיידע, יעקב, איז מיט אַ בלויזן שטעקן אַדורך דעם ירדן, וועלכער האָט זיך פאַר אים געשפּאָלטן.

און געקומען איז מיר אויפ׳ן זכרון דער מאַרש פון די אידן אונטער יהושע בן נונ׳ס פירערשאַפט איבער׳ן ירדן צו דעם לאַנד כנען, און געזען האָב איך בחוש, ווי די כהנים מיט דעם אָרון און דאָס פאָלק זיינען אַדורך אין דער טריקעניש צו דעם צוגעזאָגטן לאַנד און „דער אָרון האָט געטראָגן זיינע טרעגער". אַ פּאַראַדאָקס, אָבער דאָך אַ הייליגער אמת.

האָבן זיך פאַר מיר געבלעטערט קאַפּיטלען געשיכטע, און פון דעם שטויב פון יאָרטויזנטער האָט אַרויסגעטויכט די פּאַטריאַרכאַלישע געשטאַלט פון אלישע הנביא, וועלכער האָט געהייסן דעם קרעציגן גענעראַל, נעמן, זיך צו טובל׳ען זיבן מאָל אין ירדן, און ער וועט אויסגעהיילט ווערן.

ניט געוואָלט האָט נעמן גלויבן, אַז אָט דער טייך קען טאָן וואונדער, כאָטש אין זיין לאַנד אַרם, זיינען דאָ גרעסערע טייכן. דאָך האָט ער געפאָלגט דעם נביא, זיך אַרונטערגעטונקט אין אָט דעם הייליגן טייך 7 מאָל און אַרויס אַ געהאָלפענער, אַן אויפגעריכטער, אַ געזונטער.

האָט דער ירדן טויזנטער יאָרן געוואַרט אויף די פאַרוואָגלטע קינדער פון ציון וועלכע זיינען פון גאָרער וועלט געקומען צוריק אַהיים צו באַנייען זייער וויסט לאַנד ביי זיינע ברעגעס.

האָבן געניאַלע קעפּ און פלייסיגע הענט פאַרלייגט רערן און געצויגן די געבענטשטע וואַסערן פון הייליגן טייך איבער די זאַמדען פון נגב און געבראַכט אַהין די מזל־ברכה פון איריגאַציע, באַוואַסערונג, און גרעטעניש, פאַרוואַנדלענדיג אַ וויסטען מדבר אין אַ צעבליטען גן־עדן.

יינעז בייזע, ווילדע שכנים פון ישמעאל׳ס אָפּשטאַם געוואָרן אייפערזיכטיג אויף אידיש שפע און זיך פאַרגומען אָפּצואווענדען די וואַסערן אין זייערע לענדער, כדי צו שטערן ישראל׳ס וואוקס, אָבער אונזער פאָלק און לאַנד ענטפערט מיט שווערד און ביקס אויף די פּראָוואָקאַטאַרישע שפּיצלאַך און גייט אָן מיט דער אַרבעט צו באַפרוכפּערן אונזער טייערן, אויסגעבענקטען באָדען.

„מיט בלוט וועלען מיר אויסלייזן אונזער וואַסער, ווייל וואַסער איז אונזער בלוט" — טענה׳ט ישראל און קעמפט פאַר אירע רעכט.

אָט די געדאַנקען האָבן מיך באַהערשט ביים שווים אין ירדן, און מיינע ליפּען האָבן געפּליסטערט:

„ג־ט פון ישראל, האַלט ווייטער הייליג דאָס וואַסער פון ירדן, אַלס קוואַל פון חיות, קדושה און שפע פאַר דיין אויסדערוויילט פאָלק און לאַנד. ירדן איז געווען אונזערס און זאָל אונזערס פאַרבלייבן אויף אייביג!".

## אויף די זאַמדען פון נגב

לאַנגזאַם, ווי אַ מדבר־קעמעל, פאַמעלעך, ווי אַן איבערגעלאָדענער אייזעל, האָט זיך געשלעפּט אונזער אויטאָבוס איבער דעם שאָסעי דורך די פעלזיגע און זאַמדיגע וועגן, וואָס פילען אָן דעם טוריסט מיט דער לאַנגווייליגקייט פון אַן אומגעענדערטער פּאַנאָראַמע וויסטעניש, שטיין, זאַמד, אַרום און אַרום פאַר ווייטע, ווייטע מיילען.

אָבער דאָך ווערט פון צייט צו צייט פאַרכאַפּט דאָס אויג מיט איינצעלנע גרינע אינז־לען אין דעם גרויסען ים פון ווילדען שטויב. דאָס זענען אידישע ישובים, פאַר׳עקשנ׳טע פּיאָנעריש־חלוצ׳ישע, וועלכע האָבן זיך איינגעביסען אין שטיין און פון אים מיט גוואַלד אַרויסגעריסען גרינס, גראָזען און ביימער דורך די שפּאַלטען. פונקט אַנטקעגען שפּרייטען זיך אויס אַראַביש־בעדואינישע געצעלטען, שמוציגע, אָפּגעלאָזענע, פאַרנאַכלעסיגטע, ווי דער מדבר אַרום. אַן אויסטערלישער קאָנטראַסט; די זעלבע וויסטעניש, דער זעלבער „נגב", וואָס בליט אונטער ישראל׳ס הענט און פוסטעוועט, בלייבט פאַר[illegible]בען אין ישמעאל׳ס באַזיץ.

אין מיין זכרון האָבן זיך געגומען מישען בלעטלעך פון חומש און קאַפּיטלעך פון אונזער אייגענער צייט. אָט גייט אברהם אָבינו פאָראויס אין לאַנד כנען: „הלוך ונ[illegible] הנגבה." אָט וו[illegible]ט צוגעזאָגט יעקב אָבינו אין חלום, אַז ער וועט זיך אויסשפּרייטען אין



קעמלען אויפ׳ן וועג צום „נגב״.

אַלע זייטען, איינשליסענדיג אויך דעם „ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה״; אַט ווערט ביי דער ביבלישער פאַרצייכענונג פון די גרעניצען אין דער געאָגראַפישער מאַפּע פון משה רבּנו אויך דערמאָנט דער נגב; אַט האָבען אידען געקעמפּט מיט בלוט און באַפרוכפּערט מיט שווייס דעם נגב אין אונזער צייט, ווען יונג־ישראל איז ניי־געבוירען געוואָרען אין דער מאַמע ציון׳ס שויס; אַט זעען מיר דאָ ביי אונז אין לאַנד דעם גרויסען גאַסט, ישראל׳ס ערשטען פּרעמיער, און דעם אַלט־יונגען חלוץ פון „שדה בוקר״ אין נגב, וועלכער מאָנט און פאָדערט, אַז מען זאָל פאַרזעצען דעם ישוב פון נגב און כסדר אים פאַרוואַנדלען אין אַ פרוכטבאַרען גאָרטען.



אָנדענק־טאָפעל פאַר דער אומגעבראַכטער
אינזשינירען עקספּעדיציע
אין נגב.

מיר פֿאָרן פֿאַרביי אַ שטיינערנעם טאָפּעל־מאָנומענט, און מיר זעען דערויף אויסגעקריצטע נעמען פֿון אַ חלוצ׳ישער אינזשעניערן עקספּעדיציע, וועלכע האָט געוואַגט צו פֿלאַסטערן אַ וועג צום ים המלח אין נגב און איז אומגעקומען פֿון אַראַבישע איבערפֿאַלן. עס שיינען די הייליגע, ליכטיקע נעמען פֿון אינזשעניער אריה שטיינלויף און אַרבעטס־פֿאַרוואַלטער משה לעווינגער ע״ה, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין דער וויסטעניש פֿון זדום. די וואַקסענדיגע אידישע ישובים אַרום זענען אָבער אַ מוטיגער ענטפֿער צו דער אַראַבישער רציחה. מיר ענטפֿערן מיט „לעבן״ אויף „טויט״, און עס לויגט זיך, אויב קיין אַנדערע ברירה בלייבט ניט איבער.

דערמאָן איך זיך ווידער אין דער וויזיאָנערישער צוזאָג פֿון נביא, אַז „גאָט וועט פֿאַרוואַנדלען דעם מדבר אין אַ גן־עדן און די וויסטעניש אין גאָט׳ס גאָרטען״, און איך זע ווי אַ פּסוק תנ״ך לעבט אויף איז דער ווירקליכקייט אין מיין צייט און דור און פֿאַר מיינע אייגענע אויגען.

זינגט דאָס האַרץ פֿון פֿרייד: „נגב, דו ביסט אונזערער און מיר וועלן דיך ווייטער באַפֿרוכפּערן מיט אונזער שווייס און מי, באַשיצען מיט אונזער פֿלייש און ביין, און דער לעבן פֿון דיר דעם נחת פֿון דערפֿאָלג און דעם טעם פֿון גן־עדן, אונזערע שׂונאים אויף צו להכעיס, פֿאַר דעם כבוד און דער צוקונפֿט פֿון אונזער פֿאָלק און לאַנד.

## דער אַראַבער אין אַ ישראל־מונדיר

אין די איצטיגע טעג פֿון ישראל־אַראַבישע גרענעץ־אינצידענטן, וועלכע ווערן אויסגעפּאַכטען ניט נאָר לענגאויס די שטרעקעס פֿון ישראל, סיריע און ירדן, נאָר אויך אויף די גרינע טישען פֿון דער יו״ען, איז דאָס, וואָס קומט ווייטער אַ זעלטענע דערשיינונג.

אויפֿ׳ן וועג פֿון גליל צו תל אָביב איז אונזער אויטאָ פֿאַרבייגעפֿאָרן אַן אַראַבישע פֿאַרם. עס איז געווען הייס, איינער פֿון יענע ברענדיגע „חאַמסין״־טעג, און פֿונדערווייטנס האָבען מיר באַמערקט די אויסגעשטרעקטע האַנט פֿון אַ יונגען אַראַבישען בחור, וועלכער האָט אונז גערופֿן זיך אָפּשטעלען און אָפּקילען אונטער דעם געדיכטען שאָטן פֿון זיינע פֿאַלמען־ביימער

עס איז פֿאַר מיר געווען אינטערעסאַנט זיך צו טרעפֿען פּנים־אל־פּנים מיט אַן אַראַבער און כאַפּען מיט אים אַ שמועס. איך האָב אים געפֿרעגט וועגען זיין שטעלונג צו מדינת ישראל און די אַנגעצויגענע אידיש־אַראַבישע באַציאונגען.

אַנשטאָט מיר גלייך צו ענטפֿערן, האָט ער פֿון הינטער זיין „אַבאַיע״ (טראַדיציאָנעלער אַראַבישער מלבוש) אַרויסגעצויגען אַ בילד, אויף וועלכען ער איז פֿאָטאָגראַפֿירט אין אַ מיליטערישער ישראל־יוניפֿאָרם.

„אַללאַ און זיין נביא, מאַכמעד״ זיינען מיינע עדות, אַז איך און מיין פֿאַמיליע זיינען געטריי צו מדינת ישראל, וואו מיר לעבען אין נחת און אין וואוילטאָג און געניסען פֿון אַלע רעכט. איר זעט, איך האָב זיך באַטייליגט אין דער באַפֿרייאונגס־מלחמה פֿון דער אידישער מדינה, אויף ישראל׳ס צד, געקעמפֿט האַנט־אין־האַנט מיט אידען קעגען אַראַבער, פֿאַר אונזער באַליבט לאַנד, און איך בין שטאָלץ דערמיט״

„וואָס איז אייער מיינונג וועגען אייערע אַראַבישע ברידער ?״ — האָב איך געפֿרעגט.

„זיי זיינען פֿאַרפֿירט״ — האָט ער מיט פֿאַרביטערונג געענטפֿערט — „נאַסער, שוקעירי און אַנדערע דעמאַגאָגען נוצען אויס אונזער נאַאיוויטעט, אונזער צוטרוי, פֿאַר זייערע אייגענהאַרציגע אינטערעסען; זיי העצען אונז מיט דער הילף פֿון אויסלענדישע אַגענטען, זיי ווילען קומען צו מאַכט אָדער אָנהאַלטען זייער בלוטיגען רעזשים מיט דעם פּרייז פֿון אונזערע קרבנות. דאָס פֿאָלק וועט זיך אָבער נישט לאָזען נאַרען מיר זיינען מיט אייך און הלוואי פֿאַרשטייען עס אונזערע ברידער פֿון יענער זייט גרענעץ״

## דער קבר פון ר׳ פנחס בן יאיר

אויף דעם אַלטען בית החיים אין צפת, די וויגעל־שטאָט פון קבלה, רוט דאָס הייליגע געביין פון דעם גרויסען תנא, ר׳ פנחס בן יאיר, וועלכער האָט געפונען זיין פלאַץ צווישען די פיל אַנדערע קדושי עליון. אידען פון דער גאַרער וועלט קומען דאָרט אויף קבר אָבות, און לייגען קוויטלעך אויף די קברים.

אויף אַ מערקווירדיגען אופן צייכענט זיך אויס דער קבר פון ר׳ פנחס בן יאיר פון די אַלע אַנדערע מקומות המנוחה. עס איז דאָ נישטאָ קיין מצבה, קיין אוהל, און נאָר די געניטע וועגווייזער און באַזוכער ווייסען, ווי און וואו דעם קבר צו געפינען.

אויסטערליש איז געווען ר׳ פנחס בן יאיר ביי זיין לעבען, און אייגענאַרטיג איז אויך זיין אייביגע היים. די גרויסקייט פון דעם צדיק איז — אויסער אַלע אַנדערע באַווייזען — שוין צו מערקען אַפילו לויט דער אויפפירונג פון זיין אייזעל. אונזערע חכמים ווייסען צו דערציילען, אַז דער חמור פון ר׳ פנחס בן יאיר פלעגט ניט עסען פון אומגעמעשרטע תבואה און פלעגט זיך פאַר׳עקשנ׳ען ניט צו אַרבעטען שבת, אַפילו ווען אין גוי׳אישען באַזיץ. זיין בעל־הבית האָט אים געמוזט בפירוש אָנזאָגען, אַז אין רשות פון אַ גוי איז ער מותר במלאכת שבת, און ערשט דאַן האָט ער געפאָלגט. פון ר׳ פנחס׳עס אייזעל לערנען טאקע אונזערע חכמים, אַז אַפילו דורך אַ בהמה פון צדיקים קען ניט אַרויסקומען קיין שטרויכלונג. קלאַסיש איז אויך דער מאמר, אַז „אויב די ראשונים (די אַמאָליגע) זיינען געגליכען צו מלאכים, זיינען די מענטשען פון אונזער דור בלויז אין דער בחינה פון מענטשען, און אויב זיי זיינען ווי מענטשען, זיינען מיר בלויז ווי אייזלען, אָבער אפילו ניט ווי דער אייזעל פון ר׳ פנחס בן יאיר.

די לעגענדע דערציילט, אַז ר׳ פנחס האָט פאַר זיין הסתלקות אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל אויף זיין קבר קיין מצבה ניט שטעלען. האָט פאַסירט, אַז מען האָט ניט אויסגעפאָלגט זיין צוואה און יאָ געמאַכט אַ ציון. ביינאַכט איז דער ציון פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ הויפען שטיינער. דאָס האָט אַרויסגערופען גרויס שרעק, מען האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. איז ר׳ פנחס געקומען צו חלום צו איינעם פון די מקובלים און געהייסען, אַז מען זאָל גיין 7 הקפות אַרום קבר, זאָגען 7 מאָל „אנא בכח״, און דער צאָרן וועט אָפגעטאָן ווערען פון די, וואָס האָבען עובר געווען אויף זיין געבאָט. די עצה האָט געהאָלפען.

דער גרויסער צדיק איז אָבער דווקא דורך זיין צניעות נאָך מער פאַרהייליגט געוואָרן



## אַ האַרציגע באַגעגעניש ביים ערשטען שריט

ביי מיין אפשטייג אין לוד האָט עס צו מיר באַלד אַ פּלייץ געטאָן מיט ווארעמער היימישקייט, ווען איך האָב צווישען דעם עולם, וואָס איז מיר געקומען מקבל־פּנים זיין, גלייך דערקענט צפורה לעווין, די געטרייע שוועסטער פון אונזער אומפאַרגעס־ליכען לאַנדסמאַן און טוער, לאַנג־יאָריגער מיטאַרבעטער פון דער „ביאַליסטאָקער שטימע", ירוחם לעווין ע"ה.

זי האָט מיר אַנטקעגען געטראָגען דעם „שלום עליכם" פון אַן ענג־געקניפּטער לאַנדסמאַנשאַפט, דורכגעפּעדימט מיט די ברידערליכע און שוועסטערליכע טראַדיציעס פון דער אַמאָליגער עיר ואם בישראל, וואו גאַנץ שטאָט איז געווען איין גרויסע, אינטימע פאַמיליע.

## ביי דעם ביאַליסטאָקער וויצע־מעיאָר פון תל־אָביב

עס איז געווען אַ נחת און אַ כבוד צו זיצען און פאַרברענגען אין דער ביוראָ פון אַדוואָקאַט צבי קלעמענטינאָווסקי, אין דעם גרויסאַרטיגען בילדינג פון תל־אָביב'ער שטאָט־ראַט. דער וויצע־מעיאָר איז אַרויס אין סאַמע מיטען פון אַ וויכטיגער באַראַטונג צו באַגעגענען דעם גאַסט פון ניו יאָרק. מען האָט זיך געקוויקט מיט אַ ישראל'דיגען כיבוד פון זיסען נאַשוואַרג, אָפּגענומען און איבערגעגעבען גרוסען, דערמאָנט פריינט און טוער, געשמועסט וועגען דעם ביאַליסטאָקער צענטער און מושב זקנים אין ניו יאָרק, באַזונדערס וועגען זיין גרינדער און פירער דוד סאָהן; וועגען דער ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע, ישראל און איבער דער גאַרער וועלט.

אויפן זכרון זיינען געקומען די יאָרען, ווען אַדוואָקאַט קלע־מענטינאָווסקי איז נאָך געווען דער פּיבערהאַפטער ציון־פירער אין דער אַמאָליגער ביאַליסטאָק; דער פאָרזיצער פון דער לעצ־טער אידישער קהילה אין אונזער פרידליכער היימשטאָט פאַר דער וועלט־מלחמה און גרויסען חורבן — און עס איז אין גע־דאַנק דורכגעפירט געוואָרען אַ פּאַראַלעל צו זיין איצטיגער לייטענדער ראָל אַלס וויצע־מעיאָר פון דער מאָדערנסטער אי־דישער שטאָט. אַ פאַרדינטער המשך.

עס איז אויך אָפּגעפרישט געוואָרען אין דער געדעכעניש די וויכטיגע ראָל פון אַדוו. קלעמענטינאָווסקי אַלס פאָרשטייער פון דעם ביאַליסטאָקער ישוב אין ישראל ביי דער היסטאָרישער קאָנפערענץ אין יאָר 1949, פאַררופען פון ביאַליסטאָקער צענטער אין ניו יאָרק; און עס שטייט פאַר די אויגען זיין איצטיגער רעקאָרד אַלס מיטגרינדער און איינער פון די זיילען פון „ארגון יוצאי ביאַליסטאָק" אין תל־אָביב.

פון ביאַליסטאָק ביז תל־אָביב — די מערקווירדיגע געזעל־שאַפטליכע קאַריערע פון אַ פאַרדינסטפולען פירער.

## דער פייערליכער קבלת־פּנים

נאָך אַ מיטינג מיט מיין וויניגקייט אין לאָקאַל פון דעם „ארגון יוצאי ביאַליסטאָק״, פאַררופען פון דעם פּרעזידענט פון „ארגון״, דעם ענערגישען און יוגענטליך־דינאַמישען עסקן זלמן ירושולמי, איז באַשלאָסען געוואָרען איינצואָרדענען אַ גרעסערן קבלת־פּנים פאַר דעם גאַסט פון אַמעריקע. מען האָט ביי דער געלעגענהייט אויך דורכגעלופטערט אַ צאָל לאַנדסמאַנשאַפטליכע פּראָבלעמען.

אין דעם מיטינג האָבען זיך באַטייליגט: דער פאָרזיצער זלמן ירושלמי, און די באַאַמטע: מרדכי קרוגליאַק, אַברהם שיי־קעוויטש; סעקרעטאַר א. ראַפּאָפּאָרט, ווי אויך שלמה גאַרבער.

**דער הויפּט־טיש ביי דער פייערליכער אויפנאַמע**

פון רעכטס צו לינקס: זלמן ירושלמי; אהרן חייט, גאַסט פון ניו יאָרק; תנחום אָווסעיעוויטש און פרוי, געסט פון אַרגענטינע, און מרדכי קרוגליאַק.

עס איז געווען אַ פאַרגעניגען צו הערען די פּיקחות׳דיגע אויפקלערונגען און פאַרשלאַגען פון פריינט קרוגליאַק, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט פרייד מיט זיין געזונטען הומאָר, און די תמימות׳דיגע רייד פון אַברהם שייקעוויטש, געוועזענעם ספּאָרט־לער אין ביאַליסטאָק, פּירענדע פיגור צווישען די ביאַליסטאָקער אין קאַנאַדע און אורוגוואַי, און איצט — ישראל־קאָרעספּאָנדענט פון אונזער „ביאַליסטאָקער שטימע״.

צו דעם אָפיציעלען קבלת־פּנים איז געקומען אַ גרויסע צאָל לאַנדסלייט פון אומעטום. פון דעם שפּיץ פון „הר כנען״ איבער צפת האָט אַראָפּגענידערט אונזער לאַנדסמאַן, פריינט מינעס, אייגענטימער פון דעם גרויסאַרטיגען האָטעל אין יענעם פּלאַץ. עס זיינען אויך געקומען ביאַליסטאָקער פון ירושלים, חיפה, קרית ביאַליסטאָק און אַנדערע שטעט. תל־אָביב איז גע־ווען צאָלרייך פאַרטראָטען.

פאַר די אויגען האָט זיך צעעפענט אַ וואונדערבאַרע לאַנדס־מאַנשאַפטליכע פּאַנאָראַמע: די וותיקים, די פעסט־איינגעפונדע־ווען נאָוואָסעלסקיס, מינעסעס, ירושלמיס, צפורה לעווין אא״וו, האָבען זיך דאָ אויסגעמישט מיט די לעצטענס־אַריבערגעקומענע יונגוואַרג, די בוקשטעלסקיס, ביגעלמאַן־וועבמאַנס, שייקעווי־טשעס און אַנדערע. אַלץ און אַלע האָבען זיך צונויפגעשמאָלצען אין איין ביאַליסטאָק, יורשים פון אַ פאַרשוואונדענע שטאָט, וועלכע זיינען דאָ געקומען אויסגעהונגערט נאָך אַ גרוס פון זייערע ברידער און שוועסטער אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

## אַ ביאַליסטאָקער טרונק וואַסער אין באר־שבע

זודיג־הייס מיט אַ פלאַם־פייער פון אַן ארץ־ישראל׳דיגען „כאַמסין״ האָט געבריט די זון איבער די קעפּ, ווען מיר האָבען זיך אַרויסגעקליבען אויף אַ טור איבערן נגב. דאָס זאַמד אונטער די פיס האָט געגליט און די פעלזיגע מדבר־לאַנדשאַפט אַרום האָט געלאַנגווייליגט מיט אַ טריבער מאָנאָטאָניע. ערגעץ־וואו אַ גרעזעל, אַ בוימעל, דער פּראָדוקט פון פּיאָנערישען אידישען שוויס און מי צו באַהערשען די וויסטעניש און אַרויסברענגען אַביסעל חיות פון הינטער די האַרטנעקיגע שטויב און שטיין.

מיר האָבען מיט מזל דערגרייכט באר־שבע, דאָס וויגעלע פון וואַסער אין דער ביבלישער עפּאָכע פון אַברהם אָבינו, און עס איז געוואָרען היימליכער אויפן האַרצען. אָט באַלד וועט מען שטילען דעם דורשט.

אָט אין דעם אָאַזיס אין דער מדבר האָט זיך אָבער פאַר מיר אַנטפּלעקט נאָך אַ קוואַל פון חיות: אַ סאַמאָראָדנער, סקאַז־קאָווער ביאַליסטאָקער „קענדי־סטאָר״ אויף די זאַמדען פון נגב.

איך בין אַריין אין דעם קרעמעל פון פרישע געטראַנקען און זיסוואַרג אַפּצונעצען די פאַרשמאַכטע ליפּען, און ווי דער־שטוינט בין איך געוואָרען, אז שוין ביים ערשטען זופּ האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מיין גאַסט־געבערין אין אַ ביאַליסטאָקערין. עס איז מיר אויפּפאַלענד געוואָרען איר היימיש מאַמע־לשון. און אויף מיין טשיקאַווער פראַגע פון וואַנען זי שטאַמט, איז געקומען דער מערקווירדיגער ענטפער: סימע צאַלעוויטש־גאָר־דין פון ביאַליסטאָק, די קוזינע פון אונזער פאַרשטאָרבענעם לאַנדסמאַן און טוער, דעם פירער פון „בונד״, בענציל צאַלע־וויטש ע״ה.

סימע איז שוין דאָ אַ צאָל יאָרען. זיך פאַרקליבען אין דעם ווייטען נגב, וואו זי דערפרישט פאַרטריקענטע טוריסטען מיט אַ „ביאַליסטאָקער״ טרונק וואַסער, וואָס האָט עפּעס גאָר אַן אַנדער טעם: פרישער, קילער, זאַפטיגער.

איך האָב געטראַכט: באַשערט סימען צו באַזעצען זיך ביי דעם ראַנד פון באר־שבע, כדי צו דערקוויקען אַן אַמעריקאַנער

## אַ הענדלער פון פרוכטן אין אברהם אבינו׳ס שטאָט

גאַסט פון ביאַליסטאָקער צענטער אין ניו יאָרק, איצט אויף אַ רייזע אין ישראל.

אברהם אָבינו׳ס אור־אור־אייניקעל, יאָרטויזענטער שפּע־טער, אין דער זעלבער שטאָט, מיט דער זעלבער מידה פון הכנסת אורחים, אָבער פון ביאַליסטאָקער אָפּשטאַם און — נוסח ביאַליסטאָק.

## מיט פּרץ בוקשטעלסקי אויף אַ טור אין גליל

אַנגענעמע עראינערונגען זיינען אויך פאַרבליבען אין מיין זכרון פון דעם אינטערעסאַנטען טור מיט אונזער ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַן פּרץ בוקשטעלסקי אין גליל. ער האָט מיך טראַקטירט מיט דעם פיינעם „כיבוד״, וועלכער מיינט זייער פיל פאַר אַ טוריסט אין ישראל.

אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע איבערלעבעניש איז געוועזן אונ־זער אָפּשטעל און באַזוך אין ביאַליסטאָקער גאַסט־הויז אין דער געגענט פון הר תבור, אויפן וועג צווישען טבריה און תל־אָביב.

דאָס האָבען מיר אויך צו פאַרדאַנקען פּרץ׳ס מאַשינדעל, וועלכע האָט זיך „צעהיצט״, פאַרקאָפּריזעוועט אינמיטען וועג און גע־בליבען שטיין, ביז איר „זודיגער געמיט״ וועט זיך אַביסעל אָפּקילען. מיר זיינען אַריין אין אַ גאַסט־הויז, אין אַ פאַרוואָר־פּענעם העק, אונטערוועגענס, צווישען צוויי טשערקאַסער דערפער. דאָס אידישע דערפעל, וואו מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט, הייסט „כפר תבור״ און דער פּלאַץ הייסט „לאָס טראַנקאָס״, אַ שפּאַ־נישער נאָמען פאַר „אָפּגעהאַקטע שטאַמען״, ווייל דער פאַרקאַן אַרום איז געמאַכט פון אָפּגעהאַקטע קלעצער.

פון דעם מאַמע־לשון פון די בעלי־בתים האָט פּרץ מיט זיין פּילבאַרען „ביאַליסטאָקער נאָז״ דערשמעקט, אַז דאָס זיינען ביאַליסטאָקער אידען, און אַזוי איז טאַקע געווען.

מיר האָבען אַדורכגעלופטערט די שפּראַך און זיך דערוואוסט, אַז די אייגענטימער זיינען ניט קיין אַנדערע ווי יוסף ביאַלאָס־טאָצקי און זיין פרוי פערקע, פון דער היים — אַלטער. ביידע פון ביאַליסטאָק. זיי האָבען געוואוינט אין ביאַליסטאָק אויף פּאַב־ריטשנע גאַס נומ. 37. ביאַלאָסטאָצקי׳ס פאָטער, יצחק, איז געווען אַ מייסטער אין דער ביאַליסטאָקער האַנטווערקער שולע.

דאָס פּאָרפאָלק האָט געלעבט 35 יאָר נאָכאַנאַנד אין אַר־גענטינע. אויף דעם פאַרלאַנג פון זייער טאָכטער, וועלכע איז געקומען אין ישראל מיט אַ צייט פריער און זיך דאָ איינגע־אָרדענט אַלס לערערין, האָבען טאַטע־מאַמע זיך אויפגעהויבען, ליקווידירט האָב און גוטס, און געקומען אַהער זיך צו באַזעצען און געעפענט אַ גאַסט־הויז אין אָט דעם פאַרוואָרפענעם העק. זיי זיינען צופרידען און גליקלעך. אין אַ פרייער צייט כאַפּען זיי זיך אַריבער צו די ביאַליסטאָקער אין תל־אָביב.

איך האָב ביי זיך געטראַכט: מען דערציילט פון די „רויטע אידעלעך״, וועלכע זיינען מגולגל געוואָרען פון יענעם זייט סמ־בטיון, ערגעץ הינטער די הרי חושך. ווייס דען אָבער עמ׳צער וועגען אָט דעם ביאַליסטאָקער פּאָרפאָלק, וואָס איז פאַרוואָגעלט געוואָרען אַזש הינטערן הר תבור אין אידישען היימלאַנד? און געטאָן האָבען זיי עס פרייוויליג, צו בויען פאָלק און לאַנד, מחיה צו זיין אַ גאַסט און געבען אים אַ היימיש ווינקעל אונטערוועגענס. וואו ביאַליסטאָקער קענען אַלץ אָנשפּאַרען...



## ר׳ שלמה דער פאַרהערער — אַ טיפּ פון ישוב הישן

אונזער ארץ ישראל פאַרמאָגט צווישען אַלע מערקווירדיגקייטען דאָס באַזונדער חך־פינטעל פון פאַרצייטישקייט, וואָס וואָרצעלט אין לאַנגע און אַלטע דורות פון ישראל סבא. אָט דער לעבעדיגער מוזעאום פון ליכטיגען „אַמאָל", וואָס פילט אויס און גיט־צו טעם און צויבער צו דעם איצטיגען „היינט" איז דער ישוב. הישן מיט זיין אַלטמאָדישקייט און לעבענס־שוזייגער.

איינער פון אָט די אויסטערלישע אידען פון ישוב איז ר׳ שלמה דער פאַרהערער, אַ איד אַ מזג טוב, אמת׳ער „זעמעל־מעל־און שמן־זית", אַ גרויסער למדן, ירא שמים און צדיק.

געוועזן איז ער אַמאָל אַ מלמד. ער האָט ניט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות, כדי ניט צו מאַכען פון דער תורה אַ געצייג, „אַ האַק דערמיט צו גראָבען"; האָט ער זיין גאַנץ לעבען געווידמעט דער דערציאונג פון יונגען דור.

אויף די עלטערע יאָרען, ווען דאָס האַרץ איז שוין געוואָרען אָפּגעשוואַכט און די כחות האָבען שוין מער נישט געדינט צו לערנען די „צאן קדשים", איז ער געוואָרען אַ „חלוקה"־איד, און זיך איינגעשלאָסען אין די פיר איילען פון תורה און עבודה.

ער האָט אָבער ניט אויפגעגעבן זיין פאַרבינדונג מיט קינדער און יונגוואַרג, וועמען ער האָט ליב געהאַט מיט זיין גאַנצען האַרצען, ווייל געווען איז ער דער טיפּ מלמד, וועמען קליינוואַרג האָבען ליב, און ניט דער „כעסן און רגזן", וואָס שטויסט פון זיך אָוועק.

איז ער געוואָרען אַ „פאַרהערער", און ניט, חלילה, קיין פראָפעסיאָנעלער עקזאַמינער צו ציען דערפון חיונה, נאָר אַ ליבליכער קשיא־פרעגער, פאַר וועמען אַ שאַרפער תירוץ איז דער גרעסטער פאַרגעניגען.

„וואָס איז אייער באַזונדער הנאה" — האָב איך געפרעגט ר׳ שלמה׳ן ?

„מיין גרעסטער נחת־רוח איז, ווען אַ אינגעל זאָגט מיר אַ בליציגע סברא, אַ שאַרפען חידוש, אַ טיפזיניגען איינפאַל, אַ קלוגען טייטש".

„ווי ווייזט איר אַרויס אייער צופרידענהייט ?" — בין איך שוין געווען נייגעריג.

„איך גיב דעם בחור׳ל אַ מתנה. פון מיינע פרוטות, וואָס איך שפּאָר ממש אָפּ פון מויל, קויף איך אים אַ גאַנג חומשים, שיין־איינגעבונדענע תנ"כ׳ן, משניות, גמרות אָדער גלאַט וויכטיגע ספרים".

„און וואָס טוט איר מיט גערעטענע קליינוואַרג, וועלכע האַלטען נאָך ניט ביי חומש" ?

„זיי פאַרהער איך אין סידור. איך גיב אַכטונג, ווי זיי זאָגען דעם „שוא נח", דעם „שוא נא", ווי זיי שטעלען דעם „טראָפּ", פון פאָרענט אָדער פון הינטען".

און אויב זיי נעמען־אויס ביי אייך, ווי באַלוינט איר זיי" ?

„איך וואַרף זיי פון אויבען האָניג־צוקערלאַך אויפ׳ן סידור, וועלכע זעען אויס ווי אותיות פון „אלף בית", און זאָג זיי, אַז אַ מלאך פון הימעל האָט עס זיי געבראַכט. אַזוי האָט מען מיט מיר אַמאָל געטאָן, ווען איך בין אַ קינד געווען. תורה איז דאָך זיסער פון האָניג, זאָלען זיי עס פאַרזוכען".

## דער תימנ׳ער סופר פון טבריא

פעלזען־פעסט, אַלטערטימליך, מיסטיש־פאַרהייליגט, שפּרייט זיך די פרומע טבריא ביי די ברעגען פון ים כנרת אין גליל. איבער איר וואַכט דער ליכטיגער גייסט פון ר׳ מאיר בעל הנס.



די אלטע שטאָט טבריא מיטן ים כנרת

דער נאָמען „טבריא" הערען מיר שוין ביי נח הצדיק און דעם מבול, ווייל פון אַלע קוואַלען זיינען נאָכ'ן מבול פאַרבליבען בלויז די „חמי טבריא", די קאָכיגע רעזערוואוּאַרן פון זודיג וואַסער, סאַלפאָר, קלאָראַיד און מאַגנעזיום, אַלס רפואה פאַר רעאומאַטיקער און אַנדערע חולאת'ן.

אַט די טבריא, אויסגעהאַקט אין שטיין מיט אַ שפע פון אוראַלטע שוהלען אויף זיילען, וואו באַרימטע חכמי התלמוד האָבען געלערנט; מיט אירע חורבות פון די רוימישע צייטען; מיט אירע ציצית־פעדים, וואָס קומען פון „ראשית הגז" — ערשט געשאָרענע וואָהל, איז אויך באַקאַנט מיט זעלטענע נסים. איינער פון אַט די וואונדערס איז די אויסטערלישע רעטונג פון די טברי'ער אידען, ווען דער מושל סולימאַן פון דמשק איז אין יאָר תק"ב באַפאַלען די שטאָט, באַלאַגערט, באַשאָסען, אָבער קיין איין קויל האָט ניט געטראָפען אין ציל. ער האָט זיך געמוזט צוריקציען און שליסען שלום.

אין טבריא לעבט אַ מערקווירדיגער תימנ'ער סופר, וועלכער איז אַזוי אויסטערליש, ווי די שטאָט גופא. אַט דער כלי־קודש פאַרנעמט זיך מיט שרייבען ספרי תורה, תפילין, מזוזות, מגילות און זיין געצירקעלטער כתב איז באַקאַנט ווייט, ווייט אַרום.

דער סופר איז זעהר אַן אָפגעהיטער איד, גייט זיך טובל זיין אין מקוה פאַר יעדען „שם", וואָס ער דאַרף אויסצירקלען. ווי ר' עקיבא אין זיין צייט איז געווען אַ „דורש כתרי אותיות", אַזוי איז אַט דער הדרת־דיגער תימנ'ער סופר אַ „שמידער פון קרוינען פון תורה־אותיות" פאַר דער שכינה.

איך האָב ביי אים געזען אַ פורים־מגילה, וואָס פאַרכאַפּט דאָס אויג. דער באַזונדער וואונדער איז, וואָס ער האָט אַזוי אויסגעשטעלט די מגילה, אַז יעדער יריעה פאַנגט זיך אָן מיט דעם וואָרט „המלך".

נאָך אַ גרויסער וואונדער איז דער פאַקט, וואָס ער איז ניט בלויז אַ כלי־קודש, אַ געראָטענער סופר, נאָר דערצו אַן אומן־יד, אַ געניטער פאַכמאַן אין גאָלד און זילבער־שמידעריי. ער האָט אַליין אויסגעאַרבעט די שייד צו דער מגילה, וועלכע איז אַ קונסט־געוועב פון גאָלדענע און זילבערנע פעדים אין וואונדערבאַרע מוסטערן, ווי אַ געדרייטע נעץ, געמאַכט מיט אַזאַ פּרעציזקייט, וואָס דערמאָנט אָן דער קונסט־שפינעריי ביים משכן.

## דאָס טעפּעלע קאַווע פון דרוזינישען „מוכטאר"

אין דעם וויסטען מדבר פון רשעות און שנאה פון די אַראַבישע שכנים צו ישראל, אינווייניג און אויסנווייניג פון לאַנד, קוועלען אויף דאָ און דאָרט מיט דערקוויקענדיגער פרישקייט אַאַזיסען פון פריינטשאַפט און טרייהייט פון אַט די „פרעמדע" צו אונזער אידיש פאָלק און לאַנד.

אַזאַ ליכטיגער ווינקעל איז דער דרוזען־דאָרף „איסיפיע" אויפ'ן שפּיץ פון הר הכרמל, וועלכער שטייט אונטער דער אויפזיכט און פירערשאַפט פון זייער עלטסטען, דעם „זקן העדה", באַוואוסט אַלס דער „מוכטאר" פון דער געמיינדע.

די דרוזען, אַ פאַרמער־שבט, וואָס פאַרנעמט זיך אויך מיט פרדסים און וויינגערטנער, רעדט אַראַביש, אָבער זיי זענען נישט ישמעאל'ס אוראייניקלעך. זיי שטאַמען גאָר פון יתרו, דעם שווער פון משה רבנו, און זענען געקומען אין ארץ ישראל אין 17־טען יאָר־הונדערט פון קאַווקאַז. זייער רעליגיע איז אַ מאָכמעדאַנישע, געמישט מיט אַנדערע גלויבענס און קולטען.

איינע פון זייערע פיינסטע מידות איז הכנסת אורחים. הפנים, אַז זיי האָבען עס גע'ירשנ'ט פון זייער אורעלטער־זיידען, יתרו, וועלכער האָט דאָך באַפוילען זיינע טעכטער אַריינצוברענגען דעם גר, משה, אין הויז אַריין צו „עסען ברויט".

פאַר אַ טוריסט איז עס אַ זעהר איינדרוקספולע איבערלעבעניש זיך צו געפינען אונטער דעם גאַסטפריינטליכען דאַך פון מוכטאַר און צו געניסען פון זיין כיבוד.

דער מוכטאַר איז מכבד די אורחים מיט פרוכטען און געטראַנקען, אָבער דער הויפּט־כיבוד איז אַ טעפּעלע לאַקריץ־זיסע קאַווע.

דאָס טעפּעלע קאַווע איז דער באַשיינפערליכער סימן פון פריינטשאַפט, און מען טאָר נישט אָנטזאָגען, כאָטש אָפט איבעלט פון דעם צו־זיסען טעם. זיך צוריקהאַלטען פון דעם כיבוד וואָלט געמיינט אַ באַליידיגונג פאַר דעם גאַסט־געבער און אַ באַווייז פון שלעכטע מאַניערען.

די גאַסט־פֿרייַנטליכקייט קומט אויך צוזאַמען מיט אַ גאַראַנטיע פֿאַר זיכערהייט. דער גאַסטגעבער איז פֿאַראַנטוואָרטליך, אַז אונטער זיין דאַך וועט דעם אורח קיין בייז נישט געשען.

די דרוזען זענען לאָיאַל צו דער מדינה. אין דער צייט פֿון די מלחמות געגען די אַראַבער אין 1948, 1956 און אויך איצט אין דער 6־טאָגיגער מלחמה פֿון יוני 1967, זענען די דרוזען געווען אויף דעם אידישען צד. דעם מוכטאַר׳ס זון האָט שטודירט אין העברעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים.

## „תחנה המרכזית" — צענטראַלער שליסעל פֿון ישראל׳ס פֿאַרקער

איינער פֿון די אָפּטסטע און נויטיגסטע אויסדרוקען אין דעם ווערטער־בוך פֿון אַ טוריסט אין ישראל איז: „תחנה המרכזית", דער צענטראַלער אויטאָבוס־וואָקזאַל. דאָס איז די סטאַנציע פֿון דעם ביליגסטען טראַנספּאָרטאַציע־מיטעל אין שטאָט און איבער׳ן לאַנד.

אמת, עס זיינען פֿאַראַן אַנדערע „טרעפֿיק" באַדינונגען, ווי די „שירות", אַ לימוזין, וואו עטליכע פּאַסאַזשירען קענען פֿאָרען צוזאַמען און עס איז עקאָנאָמישער פֿאַר יעדען איינעם, אָדער „מונית", (אַ טעקסי), וואָס איז שוין אַ פּריוואַטער, אַ לוקסוס פֿאַר אַ פֿאַרמעגליכערען טוריסט, אָבער דאָס פֿאָלק, דער „עמך", באַנוצט זיך מיט אויטאָבוסען.

פֿון די פֿאַרקער־געזעלשאַפֿטען, וועלכע פֿאַרוואַלטען מיט די אויטאָבוסען זיינען באַזונדער באַקאַנט די קאָמפּאַניס: „אגד", „דן" און „המקשר". די באַדינונג איז העפֿליך און די שטימונג אין אויטאָבוס איז האָפֿערדיג און היימיש. דער עלעקטריש־באַלויכטענער סיגנאַל אין פֿראָנט פֿון אויטאָבוס „עוצר" (אָפּשטעל) זאָגט־אָן, אַז דאָ אויף דעם פּלאַץ פֿאַרהאַלט זיך דער אויטאָבוס און מען קען אַריינשטייגען אָדער אַרויסשטייגען. דער איינטריט אין אויטאָבוס איז דורך אַ בילעט, וועלכער ווערט אויפ׳ן וועג קאָנטראָלירט פֿון אַן אינספּעקטאָר.

אַ טיפֿען איינדרוק אויף דעם טוריסט מאַכט די „תחנה המרכזית" פֿון תל אָביב. דאָרט שווינדעלט און גריבעלט פֿון מענטשען פֿון פֿאַרשיידענע ראַסען, שפּראַכען און הויט־קאָלירען. איר ווערט אויך פֿאַרהילכט פֿון די קולות פֿון די גאַסען־פֿאַרקויפֿער, וועלכע אַנאָנסירען און פֿאַרלויבען זייערע סחורות, פֿרוכט, סואווענירס א. אַ. וו. איר הערט אָפּט אַ געגראַמטען העברעאישען נגונ׳דל פֿון אַ מאַראָקאַנער גאַסען־פֿעדלער, וועלכער זאָגט־אָפּ אַ גאַנצען „הלל" וועגען זיינע פֿרישע „דובדבנים" (קאַרשען). עס פֿאַרבלייבט אויך איינגעקריצט אין זכרון דאָס בילד פֿון די רייען אָרימעלייט, מערסטענטיילס אָריענטאַלישע אידען, וועלכע זיצען אויסגעזעצט אין בנין פֿון דעפּאָט אויף דער ערד און בעטען נדבות. דאָ גרייכט מען דעם גרעסטען עולם, הערצער ווערען ווייך און קעשענעס מיט טאַשען־געלט עפֿענען זיך ברייט פֿאַר די נויט־באַדערפֿטיגע.

מען זעט דאָרט אויך אַ ריי פֿענסטערלעך, וואו מען קען זיך באַזאָרגען מיט רייזע־בילעטען. נאָכדעם, ווי דער פּאַסאַזשיר האָט שוין זיין בילעט, ווערט ער אַרויסגעהאָלפֿען דורך דעם אויטאָבוס־טרייבער „נהג" ביים אַריינשטייגען אינעווייניג. באַזונדערס מערקט זיך עס אין באַצוג צו עלטערען מענשען, מען העלפֿט אויך אַרויפֿנעמען דעם באַגאַזש.

אין אויטאָבוס גופֿא הערשט אויך אַ העפֿליכקייט צווישען די פּאַסאַזשירען, און געוויינליך טרעט־אָפּ אַן אינגערער זיין זיץ־פּלאַץ פֿאַר אַ דערוואַקסענעם אָדער עלטערן. די וועגען זיינען געפֿלאַסטערט, און די רעדער פֿון אויטאָבוס שוועבען מיט פֿעדערדיגער לייכטקייט, ווי אין דער לופֿט. מען שמועסט וועגען אידישע ענינים, מען הערט אַ דבר תורה, און מען איז מקיים דעם פּסוק „בכל דרכיך דעהו".

אַ גאָר־באַזונדערט פֿייערליכען איינדרוק מאַכט דער ערב שבת׳דיגער פֿאַרקער אויף די אויטאָבוסען, ווען דער עולם פֿאָרט אַהיים מיט בוקעטען בלומען אין די הענט פֿאַר די פֿאַמיליעס לכבוד שבת לויט דעם מנהג המדינה.

# ישראל אין קאמף

כ"ו אייר — ב' סיון התשכ"ז

„שמע ישראל אתם קרבים היום למלחמה על אויביכם, אל ירך לבבכם, אל תראו ואל תחפזו ואל תערצו מפניהם;
כי ד' א-לקיכם ההלך עמכם להלכם לכם עם אויביכם להושיע אתכם". (דברים, שופטים, כ' ג-ד)

הרב שלמה גורן
הויפט־רב פון ישראל־ארמיי

גענעראל משה דיין
ישראל'ס פארטיידיגונגס־מיניסטער.

גענעראל יצחק ראבין
הויפט פון ישראל'ס גענעראל־שטאב

## די נסים ונפלאות פון די „זעקס טעג"

דער „ליובאַוויטשער הויף" אין ברוקלין האָט די הײַנטיקע ימים נוראים געווירבעלט מיט חסידים פון אַלע עקען וועלט. צווישן זיי האָבן זיך באַזונדערס געמערקט די צוויי קאַטעגאָריעס „נסים"־אידען, פון רוסלאַנד, און פון ישראל.

דערציילט דער פלאַם־פייערדיקער ר' משה גרינבערג אין מאַמע־לשון מיט דעם שאַרפן „ר" פון רוסישן אַקצענט וועגן דעם נס פון זײַן אויסלייזונג פון „רויטן גן עדן" אַ קורצע צײַט פאַר דעם איבעררײַס פון די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען צווישן ישראל און רוסלאַנד:

„איך בין געווען פון די מוצלחים" — גיט איבער ר' משה, וועלכע האָבן גענאָסן פון קאָסיגינ'ס חסד צו פאַראייניקן זיך מיט משפחה אין ישראל און האָב באַקומען די וויזע באַצײַטנס. דאָס גופא איז געווען אַ נס.

„אין ישראל אָבער האָב איך דורכגעלעבט אַ „נס בתוך נס". אין די היסטאָרישע גורל־שעה'ן, ווען ירושלים האָט געצונטערט אין פלאַקערן פון די ירדנ'ישע באָמבעס, איז געפאָרען אַ ישראל־טראַק, אָנגעפילט מיט אַמוניציע און אויפרײַס־שטאָף צום פראָנט. גראָד איז אין דעם לאַסט־אויטאָמאָביל אַרײַנגעפאַלן אַ פײַנטליכע באָמבע, אָבער גליקלי־כערווײַזע האָט זי נישט אויפגעריסן, ווען, הלילה־וחס, אָט דער אַראַבישער כלי־משחית וואָלט עקספּלאָדירט, וואָלט דער רעזולטאַט געווען אַ פאַטאַלער פאַר אַ געדיכט־באַוואוינטער געגענט פון דער אידישער ירושלים, ווײַל די אַמוניציע אין אויטאָמאָביל איז געווען גענוג שטאַרק צו פאַרניכטען אַ גרויסן טייל פון דער אייביקער שטאָט, רחמנא לצלן, פון אונזער אייגענעם אויפרײַס־מאַטעריאַל, און דאָס וואָלט געווען די שוידערליבסטע איראָניע. דער „שומר ישראל" האָט געהיט, און עס איז מקויים גע־וואָרען די נבואה „כלי יוצר עליך לא יוצלך" — יעדער פאַרניכטונגס־מיטעל, וואָס איז געשאַפן געוואָרען קעגען דיר, וועט נישט געלינגען... דאָס איז די נחלה, די גאַראַנטיע פאַר די עבדי ד'. ענליכע וואונדער איבער וואונדער האָבן פאַסירט כסדר דורך די הייליקע „ששת ימי המעשה".

שטייגט נאָך אַריבער דעם רוסישן אידען אַ תימנ'ער יונגערמאַנטשיק, מזרחי פון רחובות, מיט זײַן פלאי־פלאים'דיקן באַריכט פון דער מלחמת ד' אין די טעג פון געפאַר און נסיון:

„מײַן זיידע איז אומגעקומען ביי כפר עציון אין דער מלחמת השחרור אין 1948, אָבער מײַן ברודער האָט אויסגעקויפט דעם זיידענ'ס קרבן מיט אַ חלק אין דער גאולת ישראל אין די 6 טעג. ער איז געווען אויפ'ן מצרישן פראָנט און אַנטקעגען אים איז אָנגעקומען אַן עגיפּטישער טאַנק. ער האָט גענומען אין האַנט אַ באָמבע. עס צוגעדריקט צום האַרצן, אַ קוש געטאָן, געמאַכט די ברכה פון „גאל ישראל" און „שהחיינו" און עס אַ שליידער געטאָן אין דער ריכטונג פון טאַנק. די באָמבע האָט פונקט געטראָפן אין ציל און אין אַ געציילטע פאַר סעקונדען איז דער מצרישער טאַנק פאַרוואַנדלעט געוואָרען אין אַ געשמעלץ פון שטאָל, פייער און רויך.

„עס איז אַנטשטאַנען אַ פאַניק אין מצרישן לאַגער, אַ בהלה פון די אַנטלויפענדע עגיפּטער ס'האָט זיך אין אַראַביש דערהערט דער אויסגעשריי, וואָס ווערט דערמאָנט אין חומש: „אנוסה מפני ישראל כי ד' נלחם להם במצרים" —לאָמיר אַנטלויפן פון ישראל, ווײַל גאָט האַלט פאַר זיי מלחמה מיט מצרים".

# אַ מאַמע אין ישראל

עס ליגט פאַר מיר אַ בריוו, און פון דעם דינעם בויגעלע פאַפיר גליִען אַרויס הייליגע ווערטער, ווי פון אַ פייערדיגער מגילה, די בשורה פון אַ מאַמען אין ישראל:

„מיין זון נעמן — שרייבט ברכה, די קיבוץ־העלדין — מיין בן יחיד׳ל, 15 יאָר אַלט, מאַכט שוין דורך מיליטערישע איבונגען, ווי צו באַגיין זיך מיט אַ ביקס ערב דעם איצטיגען ישראל־אַראַבישען פאַרמעסט. איך בין שטאָלץ און גליקלאַך מיט דער זכי׳ה צו לעבען אין מיין היימלאַנד און צו זען, ווי מיין קינד, בראַוו, מוטיג, מיט אַ געשטרעקטען קאָפּ און נאַקען, אַ ווירדיגער — ישראלי, איז גרייט צו באַגעגענען די געפאַר און גיין פאַרטיידיגען אונזער פאָלק און לאַנד. וואויל איז מיר, וואָס איך האָב דערלעבט דעם נחת״.

איך קען גראָד ביידען, דער מאַמען און דעם אינגעל. איך האָב זיי געטראָפען ביי מיין באַזוך אין ישראל. אַ בת־הרב פון דער אַלטער היים און איצט איינע פון די אָנפירערינס פון אַ ישראל־קיבוץ. צוזאַמען מיט איר פיאָנערישען מאַן, חיים, איז די מאַמע דער איינציג־פאַרבליבענער שריד ופליט פון אַן אומגעבראַכטער משפחה אין דעם העלישען נאַצי־גיהנום.

געקומען איז זי אַהער מיט דעם ווילען צו העלפען בויען פאָלק און לאַנד און צו ברענגען אויף דער וועלט אַ יורש, וועלכער זאָל ווייטער ציען די גאָלדענע יחוס־קייט פון נצח־ישראל איבער דער היסטאָרישער בריק פון גלות צו היימלאַנד.

און באַגליקט איז געוואָרען די אידעאַליסטישע מאַמע, און מקויים איז געוואָרען איר הייסער וואונטש. מיט דעם נאַפּעל צו מאַמע־ציון און דעם בליק צו די ליכטיגע און פרייע הימלען אין ישראל, איז געבוירען געוואָרען אַ זונעלע, אַ „סאַבראַ״, וועלכער ציט די יניקה פון „אַמאָל און היינט״, אויף די פעלדער פון אַ ישראל־קיבוץ.

איז דער אינגעל געוואָרען בר־מצוה, און האָט אין זיינע יונגע יאָרען איינגעזאַפּט אין זיך די לופט פון אַ ניי לעבען אין זיין אייגען לאַנד, איינגעוואָרצעלט אין דעם פאָלק פון לעגענדאַרען אמת, אין דער געשיכטע פון אבות און אמהות.

ביז... געקומען איז אַ וויסטער שטורעם פון קאַיראָ, דמשק, בעירוט, באַגדאַד, רבת עמון א. אַז וו. ווי דער געהויל פון שאַקאַלען און היענעס, און דער וויסטער מדבר איז גרייט צו פאַרקנוילען אין אַ זייל פון בלוט און פייער דעם איינציגען פרידליכען ישוב, דאָס ליכטיגע ישראל, וואָס ברענגט לעבען און גליק צו זיינע פאַרביסענסטע ישמעאל׳ישע פיינט און וואָס שטרעקט צו זיי אַ האַנט פון שלום.

האָט אין נעמן, דעם „סאַבראַ״, אויפגעבראַוזט דער צאָרן פון אַ ווירדיגען יונגען איד, וואָס וויל מער נישט די גלות־פּאַגראָמען און די „געלע לאַטע״ פון זיינע אור־עלטערן, און ער לערנט זיך און גרייט זיך צו פירען אַ מלחמה מיט דעם שונא אויף לעבען און אויף טויט.

גיט אים די מאַמע איר וואַרימסטע ברכה: בענטשט זי איר קוים־דערוואַרטעטען בן־יחיד, דעם אויסגעצערטעלטען, אויסגעקיכעלטען יורש פון אַ שטאַם, און ווינטשט אים הצלחה אין שווערד און ביקס.

דערמאַנט עס מיך אָן דער ביבלישער דבורה, אשת לפידות, וועלכע איז טיטולירט אַלס אַ אידישע מאַמע, „אם בישראל״, און איך זע אין דער געשטאַלט פון דער היינטיגער ברכה.

אַזעלכע מאַמעס און קינדער זיינען אונזער אַטאָמישער וואָפען. אויף דער פאַרמעטענער ערד פון ישראל אין מאָמענטען פון געפאַר, וואו דאָס לאַנד איז די יריעה, יעדער איד אַן „עץ חיים״ און דאָס העלדענטום פון אַלע צוזאַמען, די גבורה און קדושה, שרייבט אויס די הייליגע שורות אויף די עמודים אין דער לעבעדיגער ספר תורה פון גאָט׳ס פאָלק אין זיין אויסדערוויילט לאַנד.

## אַ חתונה בײם כותל המערבי

פון אַלט־ירושלים, װעלכע איז צוריק אין אידישע הענט, איז געקומען די גרױסע און איבעראַשענדע בשורה װעגען דער ערשטער חתונה, װאָס איז דורכגעפירט געװאָרען בײם כותל המערבי, די װאַנט פון אידישער אײביגקײט.

זיגרײכע אידישע סאָלדאַטען זענען מתפלל בײם כותל המערבי.

חתן־כלה זײנען געװען אַ יונגער סאָלדאַט און סאָלדאַטקע פון ישראל׳ס זיגרײכער אַרמײ, װעלכע האָבען באַשלאָסען צו פאַרבינדען זײער געמײנזאַמען לעבענס־גורל גראָד דאָ, בײ די שטײנער פון דעם הײליגסטען אידישען דענקמאָל.

מסדר קידושין איז געװען הרב שלמה גאָרען, הױפּט־רב פון דער ישראל־אַרמײ, און אַלס אונטערפירער האָבן זיך געמאָלדן דעם פאָר־פאָלק׳ס חברים פון די מיליטערישע רײען.

די כתובה און די ברכות אונטער דער חופּה זײנען פאָרגעלײענט געװאָרען פאַר אַן עולם פון זעלנער, װעלכע האָבען מיט פרומער באַגײסטערונג געענטפערט „אָמן" און געװאונטשען חתן־כלה אַ האַרציגען מזל טוב אויף זײער געמײנזאַמען לעבענס־װעג.

און דערמאָנט האָט עס אַן דעם אַלטערטימליכען מנהג, אַז חתן־כלה פלעגען גײן צו די יקירי ירושלים בעטען אַ ברכה צו זײער הײראַט.

דאָס מאָל זײנען די „זקני העדה" גראָד געװען ניט די פאַ... אַרג...ישע „טאַטעס" פון דער אײביגער שטאָט, נאָר חבורה יונגהאָרג, די פאַנטאַסטישע זיגער, װע... ...יש מיט גאָט׳ס הילף און השגחה און מיט דעם פרײז פון זײערע אײגענע לעבענס אויסגע... אַלט־ירושלים און דעם כותל המ... פון ישמעאל׳ס זומפּ פון טומאה; און צוריקגעגעבען

די ערשטע חתונהביים כותל מערבי

דאָס בילד איז גענומען געוואָרען פון דער ערשטער חתונה, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרען ביים כותל מערבי. דער חתן איז אַ חבר פון אַ קיבוץ, און די כלה שטאַמט פון ענגלאַנד.

די קרוינשטאָט צום אידישען פאָלק.

געווען איז עס אַ היסטאָרישער מאָמענט, ווען דער „הרי את" האָט אָפּגעקלונגען מיט אַ בשורה פון אַ ניי, פרידליך לעבען פונקט נאָך דעם קנאַל פון קאַנאָנען און האַרמאַטען, וועלכע האָבען עטליכע מעת לעת'ן געהאַמערט די אייביגע שטאָט.

אין דעם זיווג, וואָס איז אָפיציעל פאַרזיגעלט געוואָרען ביי די קאָרבען און קנייטשען פון דער הייליגער וואַנט, האָט זיך אויסגעדריקט דער סימבאָל פון שטאַנדהאַפטיגקייט. דאָ איז געלייגט געוואָרען דער פונדאַמענט פון אַ נייער אידישער היים אין אונזער ירושלים, וועלכע וועט אויף אייביג פאַרבלייבען אַ אידישער קנין, גאַנץ, אַלט און ניי צוזאַמען, אַ פעסטונג פון אמונה און גייסט לדור־דורות.

אַ ליכטיגע לייטזעליגקייט האָט אַרויסגעשיינט פון צווישען די שפּאַלטען פון די טויזענט־יעריגע שטיינער, וואָס האָבען געבענקט נאָך אידישע טריט, נאָך אידיש אָטעם, נאָך אידישע תפילות, און האָבען איצט זוכה געווען צו זיין די שטומע עדות פון אַ נייער שיבת ציון.

און געשוואוירען האָבען חתן־כלה, און געשוואוירען האָט דער מסדר קידושין, און געשוואוירען האָט דער עולם סאָלדאַטען מיט די ביקסען אויף די אַקסלען, קמיעות אויף די העלזער און ציצית פון הינטער זייערע זעלנערישע מונדירען:

„אויב פאַרגעסען וועלען מיר דיך, ירושלים, זאָל פאַרגעסען ווערען אונזער רעכטע האַנט", די אייביגע שבועה, וואָס האָט באַגייסטערט דורות און געשפּונען דעם ליכטיגען חלום פון אַן אויפגעריכט היימלאַנד אין די פינסטערע יאָר־טויזענטער פון גלות, גירושים, פּאָגראָמען און חורבנות.

שלמה גאָרען, מיליטערישער הויפּט־רב (טשאַפּלעין) פון דער ישראל אַרמיי, בלאָזט שופר אין היסטאָרישן מאָמענט בעת די אידען זענען ווידער מתפלל, נאָך 19 יאָר,ביים כותל מערבי אין ירושלים, נאָך דעם ווי ישראל טרופּן האָבען צוריקגענומען פון ירדנ'ישן מיליטער דעם טייל פון דער הייליגער שטאָט.

און דערהערט האָט זיך דער עכאָ פון קול השופר, וואָס הרב גאָרען האָט געבלאָזען ביים כותל באַלד נאָך דער עראָבערונג פון דער אַלט־שטאָט.

און דערפילט האָט מען די ריטמישע טריט פון דעם ירושלימ'ער איד, געהילט אין טלית און תפילין, ווען ער האָט מיט אַ ריקוד של מצוה באַגריסט די העלדישע זיגער, און ווען זיין באָרד און פאות, צפלאָטערט אין ווינט, האָט אויסגעוויגט דאָס אידיש ליד פון „ראָזשינקעס און מאַנדלען" פאַר דער ווידער־געבוירענער אַלט־ירושלים.

מזל טוב אידען, אַ חתונה פון יונג ישראל, אין אַלט ירושלים, ביים כותל המערבי אויף לאַנגע, לאַנגע יאָר!

„שיבנה בית המקדש במהרה בימינו"!

##ביים כותל מערבי אין דער באַפרייטער ירושלים

**די העלדישע פאַרטיידיגער** פון ישראל, וועלכע האָבן באַפרייט די אַלט־שטאָט פון ירושלים מיט די הייליגע מקומות, טאַנצן אין גרויס פרייד ביים כותל מערבי. די פאַראייניגטע ירושלים איז די אייביגע הויפּט־שטאָט פון מדינת ישראל.

# ולירושלים עירך ברחמים תשוב



אידען אין תפילה ביים כותל מערבי



מערת המכפלה

## ביי דער מערת המכפלה

בריוו, וואָס די פּאָסט האָט לעצטענס געבראַכט פון אונזער הייליג לאַנד, דערציילן מיט באַגייסטערונג וועגן די ערשטע באַזוכען אין דער מערת המכפלה ביי די קברים פון אונזערע אָבות און אמהות אין דער אַלטערטימליכער שטאָט חברון.

שרייבט ר׳ ישראל שמעון, אַן אַלטער סלאָנימער חסיד, אַז ער האָט צום ערשטען מאָל זוכה געווען צו באַטרעטען דעם הייליגען באָדען פון דער „מערה” טאַקע ביז צו די קברים מיט די טעפּיכער אַרום זיי און די אויסגעקריצטע נעמען פון די אָבות און אמהות אויף די ווענט. מיט הייליגען ציטער האָט ער אָנגעצונדען אַ נר־נשמה און מיט גרויס כוונה, וואָס ער האָט אין זיך דערפילט צום ערשטען מאָל אין לעבען, האָט ער געזאָגט די תפילה צו דעם „ג־ט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב”.

יאָר טויזענטער ליגען זיי דאָ, די „ישני חברון”. ביי דעם אויפקום פון דער אידישער מדינה זיינען זיי אַריינגעפאַלען אין ישמעאל׳ס רשות, חברון איז געוואָרען אַ טייל פון אַראַבישען ירדן. מען האָט ניט צוגעלאָזט קיין אידישע באַזוכער; אין בעסטען פאַל, האָבען טוריסטען געקענט אַראָפּ בלויז ביז דעם זיבעטען טרעפּ.

ביז דער טויזענטער־יעריגער שלאָף פון די אורשטאַם־עלטערן פון אונזער פאָלק איז צעטרייסעלט געוואָרען דורך דעם קנאַל פון קאַנאָנען און באָמבעס. דער נס איז געשען. זיינען געקומען אויף קבר־אָבות די פירער און דאָס פאָלק, אויך ר׳ ישראל שמעון סלאָנימער.

און אין ר׳ שמעונ׳ס זכרון איז אַדורך די פיקאַנטע געשיכטע פון דער מערת המכפלה, „געדאָפּעלט” אין איר בנין, ווי אויך מיט אירע 4 פּאַרלעך: אדם וחוה, אברהם

ושרה, יצחק ורבקה, יעקב ולאה. געווען איז דאָס אברהם אָבינו'ס ערשטער לאַנד־אייגענטום געשעפט, ווען ער האָט עס אָפּגעקויפט פון עפרון החתי פאַר 400 גרויסע זילבערנע רענדלאַך, אָבער ניט פאַר מסחר, נאָר אַלס אַ פאַמיליען־קבר. לויט אַ מסורה אין פרקי דר' אליעזר האָט דער „בן־בקר", וועלכן ער האָט געוואָלט צוגרייטן פאַר זיינע געסט, אים אַהין פאַרפירט אין דער מערה" ; ער האָט דאָרט געזען די קברים פון אדם וחוה און האָט געגלוסט דעם פלאַץ פאַר זיך.

